NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13078

DI FLIGLEN FUN MUT

George Sand

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

די [illegible] פון [illegible]

Ephim H. Jeshurin
175 EAST BROADWAY
NEW YORK, N. Y.

שול־ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

זשאָרזש זאַנד

די פליגלען פון מוט

ייִדיש — העלענע כאַצקעלס

פאַרלאַג „נײַע ייִדישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1939

Printed in Poland

Ż. Zand

Di fliglen fun mut

jidiš H. Chackels

Druk. „Express Wilno, Wielka 33.

געוועז איז דאָס אין פראַנקרײַך, אין אַ געגנט, וואָס האָט געהייסן אַ ש און איז געלעגן דרײַ קילאָמעטער פון ים. דאָס לאַנד איז געוועז פלאַך און גלאַט, באַדעקט מיט פעלדער און סעדער.

געלעבט האָט דאָ אַ פויער, וואָס האָט געהייסן דוסי. זײַן פרוי האָט מען גערופן דוסעט. זיי האָבן געהאַט פיל קינדער און אַלע האָבן געהאַרעוועט, די קינדער און די עלטערן. זיי האָט קיין זאַך ניט געפעלט, און דער פאָטער דוסי האָט אפילו אָנגעקליבן אַ רעכט ביסל געלט פון די עפל אין זײַנע סעדער און איבערהויפּט פון פוטער און קעז, וואָס ער פלעגט האָבן פון זײַנע קי.

געלעבט האָבן זיי שטיל, האָבן זיך קיין מאָל ניט געקריגט און זײַנען געווען צופרידן מיט זייער לעבן. נאָר איין יינגל אין דער מישפּחה איז געווען ניט אַזוי ווי אַלע. און אַרבעטן האָט ער אויך ניט זייער ליב געהאַט. ער האָט אַ ביסל צוגעהונקען און מע האָט אים גערופן „הינקערל“. ער איז געווען אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, אַ שיינער, מיט ראָזע באַקן.

געפוילט האָט ער זיך צו אַרבעטן, ווײַל אים האָט זיך געוואָלט ווערן אַ שיפער און פאָרן אויף גרויסע שיפן איבער ימען און אָקעאַנען.

ער האָט געהאַט אַ פעטער. איז דער פעטער אין די יונגע יאָרן געווען אַ מאַטראָס אויף אַ האַנדלסשיף. האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אויף זײַנע רײַזעס.

איצט איז שוין דער פעטער אַן אַלטער מאַן און ער וווינט ניט ווײַט פון זייער דאָרף אין דעם שטעטעלע טרוויל אויפן ברעג פון ים.

הינקערל האָט דעם ים קיין מאָל ניט געזען, אָבער דעם פעטערס מעשׂיות האָט ער זייער ליב געהאַט, און אים האָט זיך געוואָלט ווערן אַ מאַטראָס.

דער פאָטער האָט וועגן דעם הערן ניט געוואָלט, און הינקערל פלעגט מוזן פּיטערן די קי און די שעפּסן.

הינקערל פלעגט מקנא זײַן די פײגל. ער פלגט טראַכטן קוקנדיק, ווי עס פליִען ווילדע גענדז אָדער אַנדערע פײגל:

— סאַר אַ גליקלעכע זײ זײַנען! האָבן פליגלען און קענען פליִען, וווּהין זײ ווילן!

ער האָט געקענט אַ פולע פײגל און פלעגט זײ דערקענען פון דער ווײַטן נאָך זײער געשרײ און נאָכן פליִען.

אײן מאָל איז דער פעטער געקומען צו גאַסט און האָט געוואָלט מיטנעמען צו זיך הינקערלען. ער זאָל זען דעם ים. אָבער דער פאָטער האָט אים ניט געלאָזן. ער האָט אים נאָך אויסגעלאַכט:

— ווי קומט הינקערל צום ים? ער שרעקט זיך דאָך פאַר אַלץ, ער איז אַ פּחדן. גלײַך וואַקסן אויס בײַ אים פליגלען פון שרעק — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— עס מאַכט ניט אויס — האָט דער פעטער געענטפערט: — פריִער האָבן זײ, די קינדער, פליגלען פון שרעק, אָבער שפּעטער וואַקסן בײַ זײ אויס פליגלען פון מוט.

הינקערל האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם פעטערס ווערטער און אים האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז בײַ אים זאָלן אויך אויסוואַקסן פליגלען פון מוט.

*

דער פאָטער האָט באַקלערט צו מאַכן הינקערלען פאַר אַ שנײַדער. צו זײ אין הויז פלעגט אַרײַנגײן אַ שנײַדער — אַ הויקער. גערופן האָט מען אים „צי-אויף-לינקס", ווײַל ער איז געווען אַ געלינקטער. הינקערל האָט אויף אים קוקן ניט געוואָלט. אַזוי שרעקלעך איז ער געווען, דער „צי-אויף-לינקס".

שטעלט זיך פאָר אַ קלײן מענטשעלע מיט צװײ גרויסע הויקערס. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ לענגלעכן, מיט אַ גרויסן פליך. בײדע אויגן קאָסאָקע, די הויט — אַ געלע, אַ צעקנײטשטע. אָנגעטאָן איז ער געווען אַלע מאָל אין טראַנטעס; הענט און פיס האָט ער געהאַט לאַנגע, פלינקע; ווען ער פלעגט גײן, פלעגט ער אויפהײבן אַ גאַנצן וואָלקן שטויב מיט זײַנע גיכע פיס. מיט דער נאָדל פלעגט ער אַרבעטן אַזוי פלינק, אַז זי פלעגט בליצן אין זײַנע הענט.

און צו אים האָט דאָס געדאַרפט אָנקומען זיך לערנען הינקערל. דער פֿאָטער האָט זיך באַדונגען, אַז ער צאָלט עפּעס צו, און „צי־אויף־לינקס", נעמט זײַן זון צו־זיך אויף דרײַ יאָר.

הינקערל האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, ווען ער האָט דאָס דער־הערט. אָבער ער האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצודרייען, ווי דער שנײַדער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַרויפֿגעזעצט צו זיך אויפֿן הויקער און זיך געלאָזט גיין איבערן וועג. ער האָט אַפֿילו ניט געלאָזט הינקערלען זיך געזעגענען מיט זײַן מאַמען, וואָס איז אַרויס אין אַ צווייטער קאַמער מיטגעבן אים אַ פּעקעלע אויפֿן וועג.

ווען די מאַמע איז אַריבער איבער דער שוועל, איז שוין דער הויקער געווען ווײַט פֿון הויז. הינקערל האָט מער נישט פֿון ווײַטן אויסגעצויגן צו איר די הענט און האָט וויינענדיק אויסגעשריִען:

— מאַמע, מאַמע!..

ער האָט געזען פֿון ווײַטן, ווי די מאַמע האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן אויף דער ערד און ווי דער עלטערער ברודער האָט זי אויפֿגעהויבן און אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן.

הינקערל האָט געמיינט, אַז זײַן מאַמע איז געשטאָרבן. פֿאַר גרויס צער האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געחלשט אויפֿן הויקערס פּלייצע.

דער שנײַדער האָט אים געהאַלטן פֿעסט און איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. ס'איז אים אָבער געוואָרן שווער צו טראָגן הינקערלען און ער האָט אים אַרויפֿגעזעצט אויף זײַן אייזל, וואָס איז געווען קליין און מיאוס ווי זײַן באַלעבאָס.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט 3 קילאָמעטער און זיי זײַנען צוגעקומען גאָר נאָענט צום ים. אָבער דאָס וואַסער האָט זיך ניט געזען. דער ברעג איז געווען פֿאַרשטעלט מיט זאַמדיקע בערגלעך, וואָס הייסן דיונעס. דאָ האָט זיך דער שנײַדער אָפּ־געשטעלט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם יינגל פֿון אייזל, אַוועק־געלייגט אים אויפֿן זאַמד, האָט זיך אַליין אויך אויסגעצויגן דערבײַ און איז אײַנגעשלאָפֿן.

דאָס איז געווען אין אַ קילן שאָטן צווישן צוויי זאַמדיקע בערגלעך.

הינקערל האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך גלײַך דערמאָנט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. דער ערשטער געדאַנק איז געווען—אַנטלויפן, וואָס גיכער אַנטלויפן פון מוֹרָאדיקן שנײַדער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די הילצערנע שיך, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט זיך שטיל פאַרבײַגעגנבעט פאַרבײַ דעם שלאָפעדיקן הויקער און זײַן אײזל.

הינקערל האָט זיך אויפגעהויבן אויפן בערגל. ער האָט געמיינט, אַז פון דאָרטן וועט ער דערזען דעם וועג, וואָס פירט אַהיים. אָבער פון בערגל האָט ער דערזען נאָך אַזוינע בערגלעך און קיין וועג האָט זיך ניט געזען. ער האָט באַשלאָסן צו לויפן, וווּ די אויגן וועלן אים טראָגן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון בערגל און איז געלאָפן מיטן געדיכטן גראָז. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער שנײַדער קען באַמערקן, ווי דאָס גראָז רירט זיך, און אים אָנכאַפּן. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו ליגן שטיל און וואַרטן ביז נאַכט.

דערווײַלע האָט זיך „צי-אויף-לינקס” אויפגעכאַפּט. דערזען אַז דער יינגל איז אַנטלאָפן, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין: „נישקשה, איך וועל אים שוין געפינען, איך וועל אים כאַפּן אין דערבײַיקן דערפל”.

און ער איז זיך אַוועק ווײַטער מיט זײַן אײזל.

2

ס׳ איז געווען שוין פינצטער, ווען הינקערל איז ארויס
פון זײַן באַהעלטעניש.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ וואַרעמע.
אָבער הינקערל האָט דערהערט אַ מאָדנעם גערויש.
עס האָט ניט אויפגעהערט ניט אויף איין רגע.

דאָס האָבן זיך די כוואַליעס פון ים געקלאַפּט אָן ברעג.

הינקערל האָט קיין מאָל קיין ים ניט געזען, האָט ער ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ גערויש דאָס איז. ס׳איז געווען פינצטער ארום און ארום. אָבער דאָך האָט ער געזען, אַז פון איין זײַט ציִען זיך בערגלעך און פון דער אַנדערער זײַט איז עפּעס פּוסט. און אַ מאָדנע זאַך: די שטערנדלעך, וואָס פינקלען אין הימל, שפּילן אונטן אויך, דאָרטן, ווו ס׳איז פּוסט. דאָס איז געווען דער ים. און די שטערן האָבן זיך געשפּילט אין וואַסער.

הינקערל האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן מאַמען, ווי זי איז אַנידערגעפאַלן, און ער האָט אָנגעהויבן וויינען. ס׳איז אים געווען קאַלט, און ס׳האָט זיך געוואָלט עסן. פון בערגל איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן. דאָס איז געווען אַ פוקס און אָפשר גאָר אַ האָז. הינקערל האָט זיך דערמאָנט וועגן וועלף. און זײַן האַרץ האָט גענומען ציטערן.

ער מוז זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער און געפינען אַן אָרט צום שלאָפן. אָבער ס׳איז אַזוי שווער צו גיין. שטיינער קײַקלען זיך פון אונטער די פיס.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט, ווי מע זינגט הויך אין דער לופטן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זינגען קליינע קינדער.

דאָס זײַנען געווען ים־פייגעלעך. אָבער הינקערל האָט גע־מיינט, אַז דאָס זײַנען גוטע גײַסטער, מלאכים, וואָס קענען אים ראַטעווען. ער האָט פונאַנדערגעלאָזן די הענט אַזוי ווי פליגלען און זיך גענומען בעטן:

— גוטע גײַסטער, ראַטעוועט מיך, נעמט מיך מיט, לאָזט מיך ניט איבער אַליין!

פאָכנדיק מיט די הענט איז הינקערל נאָכגעלאָפן נאָך די שטימען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. לויפנדיק נאָך זיי האָט ער פאַרגעסן אָן די שטיינער און גריבער, וואָס זײַנען געווען אונטער זײַנע פיס. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט פליגלען און אַז ער לויפט ניט, נאָר ער פליט. אָבער די שטימען ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. זיי טראָגן זיך אַוועק ווײַט, ווײַט. זיי הערן זיך שוין ניט... הינקערל פילט, אַז ער איז מיד. די פליגלען לאָזן זיך אַראָפּ. ער קען שוין מער ניט פליִען. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. סאַר אַ ווייכער זאַמד עס איז אונטער אים! ער ציט זיך אויס, און אַרום אים ווײַסט זיך עפּעס. פריִער מיינט ער, אַז דאָס זײַנען עפּלביימער וואָס בליִען. ער גייט צו נענטער, רירט זיך צו צו זיי און זעט, אַז דאָס זײַנען פעלזן. צווישן די שטיינער האָבן גערונען ריינע שטראָמען וואַסער. די כוואַליעס פון ים האָבן זיך געקלאַפּט אָן ברעג. אָט לויפן זיי אָן און אָט שפּרינגען זיי אָפּ אויף צוריק.

הינקערל גייט צו נענטער צום ברעג. די ערד ווערט אַלץ פײַכטער און פײַכטער אונטער זײַנע פיס. דאָס איז דאָס אָרט פון ברעג, וואָס ווערט אין גאַנצן פאַרגאָסן פון די כוואַליעס צוויי מאָל אין מעת לעת.

הינקערל ווייס ניט, אַז דער ים פאַרגיסט מיט זײַנע כוואַליעס אַ גרויסן טייל פון ברעג. זעקס שעה נאָך אַנאַנד פאַר־גיסן די כוואַליעס דעם ברעג. דאַן זאָגט מען: „עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צופלוס".

עס פאַרגייען זעקס שעה, און דאָס וואַסער טרעט ווידער אָפּ פון ברעג. די כוואַליעס גייען אַוועק אַלץ ווײַטער און ווײַטער. ביז וואַנען דער גאַנצער ברעג ווערט פרײַ פון וואַסער.

דאַן זאָגט מען: „עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפּפלוס".

דער אָפּפלוס געדויערט זעקס שעה. און אַזוי ווי אין אַ מעת לעת איז דאָ 24 שעה, קומען אין דער צײַט פאָר צוויי צו־פלוסן און צוויי אָפּפלוסן. די וואָס וווינען אויפן ברעג פון ים, ווייסן וועגן דעם זייער גוט און זיי היטן זיך אַרומצוגיין אויפן ברעג, ווען עס הייבט זיך אָן דער צופלוס, ווײַל מע קען דער־טרונקען ווערן. פאַרקערט, ווען דאָס וואַסער טרעט אָפּ פון ברעג,

ווען עס קומט פאַר דער אַפּפּלוס, גייט מען אַרויס אויפן ברעג, חבֿל אויפן זאַמד בלייבן איבער פיש און אַלערליי ים־חיהלעך.

הינקערל האָט דאָך קיין מאָל קיין ים ניט געזען און ער האָט אויך ניט געוווסט וועגן צופלוס און אַפּפלוס. דערפאַר איז ער זיך רויִק אַרומגעגאַנגען אויפן נאַסן טייל פון ברעג. ער האָט ניט געוווסט, אַז דאָס איז געפערלעך, אַז עס קען זיך באַלד אָנהייבן דער צופלוס.

מיר ווייסן שוין, אַז אויפן ברעג זיינען געלעגן אַ פולע גרויסע שטיינער, שטיקער פעלזן, אויף די פעלזן, וואָס זיינען געלעגן גאָר נאָענט פון וואַסער, האָט ער אין דער פינצטער עפּעס אָנגעטאַפּט. דאָס זיינען געווען מושלען. אין זיי זיינען געלעגן ים־חיהלעך, וואָס מע רופט זיי אויסטערן. די אויסטערן זיינען זייער געשמאַק און מע עסט זיי רויע.

הינקערל האָט וועגן אויסטערנס גאָרנישט געוווסט. ער איז אָבער געווען הונגעריק. האָט ער ניט ווילנדיק צעבראָכן אַ מושל און אַרײַנגעכאַפּט דאָס חיהלע אין מויל אַרײַן. ס׳איז געווען זייער געשמאַק. האָט ער געפּרוּווט נאָך איינע און נאָך איינע. ער האָט זיך אָנגעגעסן ביז זאַט און ס׳איז אים געוואָרן לײַכטער.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ שטיין און געקוקט אויפן ים. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געפלויגן פון אויבן, איצט, ווען ער איז געווען זאַט און רויִקער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט געפלויגן. דאָס האָט זיך אים אָפּגעדוכט. אין דער אמתן האָט ער זיך אַראָפּגעקײַקלט פון בערגל. עס האָט אים קיין גליד ניט וויי געטאָן, און ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער זעט פאַר זיך דעם ים.

דער זייגער איז שוין געווען צען. אין דער היים וואָלט ער שוין לאַנג געשלאָפן. די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן און ער איז אײַנגעשלאָפן.

3

אין אַ שָעה צוויי אַרום האָט זיך הינקערל אויפגעכאַפּט פון אַ מאָדנעם גערויש. דאָס האָבן זיך די כוואַליעס געקלאַפּט אָן שטיין, װוּ ער איז געלעגן. אויף די כוואַליעס איז געװען אַ װײַסער שוים. ער װיל לויפן צו די גרויסע װײַסע פעלזן, װאָס זײַנען הינטער אים. אָבער די כװאַליעס דערגרייכן שוין ביז די װײַסע פעלזן. ער פּרובירט אַראָפּלאָזן די פיס אין װאַסער, אָבער ס'איז אַזוי טיף, אַז די פיס דערטאַפּן ניט דעם גרונט. און די כוואַליעס לויפן אַלץ אָן, איינע העכער פון דער אַנדערער. זיי קלאַפּן זיך אָן פעלז, טרייסלען אים און באַשפּריצן הינקערלען מיט געזאַלצענע טראָפּנס. ער מוז בלײַבן אויפן שטיין. ער האַלט זיך אָן מיט בײדע הענט. אָבער די כוואַליעס הייבן זיך אַלץ שטאַרקער.

הינקערל טראַכט: „באַלד װעלן די כװאַליעס מיך אַראָפּ־שווענקען פון פעלז. איך וועל שטאַרבן". ער דערמאָנט זיך אָן דער מאַמען און מאַכט צו די אויגן. ער װיל ניט זען, װי די כוואַליעס װעלן אים פאַרשלינגען.

אָבער מיט אַ מאָל דערהערט ער ווידער שטילע שטימען אין דער לופטן. הויך איבער זײַן קאָפּ. אים דוכט זיך, אַז זיי רופן אים. זיי וועלן אים ראַטעװען. ער פילט װידער, אַז ער האָט פליגלען. ער הייבט אָן צו פאָכן מיט זיי. ער פליט איבערן װאַסער, ער רירט זיך צו צו די כװאַליעס. דאָס וואַסער איז אַזוי וואַרעם. ס'איז אים גוט. ער װייס אַליין ניט, צי ער שווימט, צי ער פליט.

װען הינקערל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג. דער צופלוס האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. אַרום פעלז, װוּ ער איז געלעגן, איז שוין װידער געװען זאַמד. און דער ים איז געװען ערגעץ װײַט פאָרויס.

פון װײַטן דוכט זיך, אַז ער איז גרין, און ער רוישט.

הינקערל װיל צוגיין נענטער צום ים. ער װיל זען, װי דער ים זעט אויס בײַ טאָג. ער קריכט אַראָפּ פון פעלז און לויפט און לויפט איבערן נאַסן זאַמד. װאַסערע װוּנדערלעכע מושלען ער געפינט אויף דער ערד! דאָס האָט דער ים איבערגעלאָזן.

אַלע מאָל נאָכן צופלוס לאָזט ער איבער עפּעס אויפן ברעג.

הינקערל דערזעט אויפן ים שיפן מיט זעגלען, און ווײַט זעט זיך אַפילו גאָר אַ גרויסע שיף.

אָ, חילט זיך אים זײַן אויף דער שיף!

הינקערל האָט זיך גאָר פאַרגעסן אָן שנײַדער. אָבער ער דערזעט אויפן ברעג אַ מענטשן. ער דערמאָנט זיך װעגן הויקער און װיל אַנטלויפן. אָבער דער מענטש איז דאָך ניט דער שנײַדער. ער איז אַזאַ הויכער און יונגער. סאַר אַ גליק! דאָס איז דאָך הינקערלס עלטערער ברודער פראַנסואַ. אָ, פראַנסואַ װעט אים ניט אַרויסגעבן דעם שנײַדער. פראַנסואַ איז אַזאַ גוטער. ער האָט הינקערלען אַזוי ליב. הינקערל לויפט אַנטקעגן דעם ברודער, ער דערציילט אים, ווי ער איז אַנטלאָפן פון שנײַדער און ווי ער האָט געגעכטיקט אויפן פעלז.

פראַנסואַ װונדערט זיך, ווי אַזוי הינקערל איז ניט דער־טרונקען געװאָרן. דער צופלוס פאַרגיסט דאָך דעם גאַנצן ברעג.

— אָ, — ענטפערט הינקערל — גוטע גײַסטער, וואָס זײַנען גע־פלויגן אין דער לופטן, האָבן מיך געראַטעוועט. איך בין געפלויגן נאָך זייערע שטימען און בין ניט דערטרונקען געװאָרן.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן! — ענטפערט אים פראַנסואַ:

— קיין גײַסטער זײַנען ניטאָ. דאָס זײַנען געפלויגן ים־פייגעלעך. דו ביסט אויך ניט געפלויגן. דאָס האָט זיך דיר געחלומט.

— איך וועל גיין מיט דיר אַהיים, פראַנסואַ! — האָט הינקערל געזאָגט.

— ניין, גיי ניט אַהיים. דער פאָטער וועט דיך ווידער אַוועקגעבן צום שנײַדער. מיר זײַנען דאָך ניט ווײַט פון שטע־טעלע טרוּוויל. דאָ וווינט אונדזער גוטער פעטער לאָקאַל. גיי אַוועק צו אים. ער וועט פאַר דיר קריגן אַ שטעלע פון אַ „יונגע“ אויף אַ שיף — זאָגט פראַנסואַ.

„יונגע“ הייסט אַ יינגל, וואָס לערנט זיך צו זײַן אַ מאַטראָס אויף אַ שיף.

הינקערל דערפרייט זיך און ער גייט מיטן ברודער קיין טרוּוויל. דאָס איז גאָרניט קיין שטעטעלע. גיכער איז דאָס אַ דערפל, וווּ עס וווינען לויטער פישער.

דער פעטער האָט געוווינט אין אַן אָרעמען שטיבעלע. ער

האָט זי צוגענומען מיט גרויס פרייד און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זוכן פאַר הינקערלען אַ שטעלע אויף אַ שיף.

פּראַנסוא האָט זיך געזעגנט מיטן ברודערל, האָט אים איבערגעלאָזן אַ ביסל געלט און זיך אומגעקערט אַהיים.

דער פעטער איז געווען זייער אַ גוטער, אָבער געפינען אַ שטעלע אויף אַ שיף פאַר הינקערלען איז געווען שווער: מע האָט אים ניט געוואָלט נעמען, ווייל ער האָט אַ ביסעלע געהונקען. דער פעטער און הינקערל האָבן איבערגעלעבט גרויס פאַרדרוס. די מומע איז גאָרניט געווען אַזאַ גוטע ווי דער פעטער.

איין מאָל בײַ דער נאַכט ליגנדיק אין בעט האָט הינקערל דערהערט אַזאַ געשפּרעך צווישן פעטער און דער מומען:

— פיר אָפּ דעם יינגל אַהיים. ווי לאַנג וועט ער זײַן בײַ אונדז? אונדזערע קינדער עסן אויך ניט צו זאַט, האָסטו נאָך געבראַכט דעם פוילער. זאָל ער פיטערן קי בײַ זײַן טאַטער אָדער זיך לערנען נייען בײַ „צי־אויף־לינקס".

— וואַרט אויף — האָט זיך געבעטן דער פעטער — איך וועל פאַר אים געפינען אַרבעט אויף אַ שיף. אַ רחמנות אויף אַ קינד. ווי גיט מען אים אַוועק צו אַזאַ בייזן מענטשן ווי „צי־אויף־לינקס".
די מומע האָט זיך אָבער ניט געלאָזן איבעררעדן. זי האָט געפאָדערט, אַז דער פעטער זאָל מאָרגן אין דער פרי אָפּפירן הינקערלען אַהיים אָדער צום שנײַדער, וואָס וווינט איצט אין דערבײַיקן דאָרף.

הינקערל האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פעטער וועט אים שוין ניט קענען ראַטעווען. ער מוז אַנטלויפן. ווען אַלע זײַנען אײַנגעשלאָפן, האָט זיך הינקערל שטיל אָנגעטאָן, האָט גענומען זײַן פּעקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן צוקאָפּנס שטאָט אַ קישן, האָט איבערגעציילט דאָס ביסעלע געלט, וואָס דער ברודער האָט אים איבערגעלאָזן. מיינט ניט, אַז הינקערל איז געשלאָפן אויף אַ בעט: אין גאַנצן זײַנען אין שטיבל געווען צוויי בעטן. זײַנען אויף זיי געשלאָפן דער פעטער, אַלע יינגלעך, און די מומע מיט אַלע מיידלעך. קיין באַנק איז אין שטיבל אויך ניט געווען. איז הינקערל געלעגן אויף אַ ברייטער פּאָליצע, וואָס איז געווען גאָר הויך לעבן באַלקן. ווי ס'איז געווען אַ קליין דאַכפענצטערל. צום געלעגער פלעגט מען צוקומען דורך

אַ לײטער. הינקערל װיל שױן אַראָפּלאָזן די פֿיס אױפֿן לײטער. אָבער ער דערמאָנט זיך, אַז די מומע האָט אַריבערגעשטעלט דעם לײטער לעבן אַ צװײטן װינקל, װען זי איז געגאַנגען אױפֿן בױדעם. הינקערל האָט זיך אײַנגעקוקט אין פֿענצטערל. ס׳איז געװען אַ ליכטיקע נאַכט. װי גײט מען אַראָפּ פֿון דער פּאָליצע? דער לײטער איז אַזױ װײַט; װי שפּרינגט מען אַראָפּ? די פּאָליצע איז אַזױ הױך.

ער עפֿנט װידער אױף דאָס דאַכפֿענצטערל. ס׳איז אַ קלײנס׳ דאָך קען מען דורכקריכן. אָבער ס׳איז אַזױ װײַט פֿון דער ערד. אַזױ הױך. װאָס טוט מען? ער מוז דאָך אַנטלױפֿן, אײדער ס׳װעט טאָג װערן. און די אױגן קלעפּן זיך. מיט אַ מאָל גיט דער װינט אַן עפֿן דאָס פֿענצטערל. פֿון ים דערטראָגן זיך שטילע רופֿן: „פֿלי, פֿלי גיכער צום ים! שלאָף ניט. לאָז פֿונאַנדער דײַנע פֿליגלען!“

בײַ הינקערלען הײבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן דאָס האַרץ. ער דערפֿילט װידער, אַז ער האָט פֿליגלען, אַז זײ װיקלען זיך פֿונאַנדער. ער איז אַרױס דורכן דאַכפֿענצטערל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אױף דער ערד, האַלטנדיק זיך פֿאַר אַ הױכן אַלטן מאַסטבױם, װאָס די טױבן פֿלעגן אױף אים זיצן, און זײַנע פֿליגלען האָבן אים געבראַכט צום ברעג פֿון ים. ער איז לאַנג געלאָפֿן איבערן טיפֿן זאַמד צװישן װאַסערראָר. אַ מידער איז ער אַנידערגעפֿאַלן אױף דער ערד און איז אײַנגעשלאָפֿן. די זון איז שױן געװען אױפֿן הימל, װען ער האָט אױפֿגעעפֿנט די אױגן.

װאָס טוט מען? װוּהין גײט מען? ער קען זיך נאָך װידער אָנשטױסן אױפֿן שנײַדער. ער נײט דאָ אין די פֿישערשע דערפֿער. אפֿשר גײן אַהײם? אָבער דאַן װעט ער שױן געװיס אַרײַנפֿאַלן צו „צי-אױף-לינקס“ אין די הענט. נײן, ער װעט אַהײם ניט גײן. דאָ אױפֿן ברעג פֿון ים װעט ער בעסער בלײַבן אױף אַלע מאָל. צװישן די דיונעס און די פֿעלזן קען מען זיך באַהאַלטן, און שפּײַזן װעט ער זיך מיט אױסטערנס. די פֿעלזן, װאָס דער צו-פֿלוס באַגיסט מיט װאַסער, זײַנען געדיכט באַדעקט מיט די מושלען פֿון אױסטערנס.

ער מוז אָבער פֿריִער פֿון אַלץ געפֿינען אַ באַהעלטעניש. ער האָט געהערט, אַז אין די פֿעלזן געפֿינט מען אַ מאָל הײלן.

מיט גרויס מי איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ הויכן שפּיציקן פֿעלז. ער האָט זיך געקענט אַראָפּרײַסן און אַראָפּפֿאַלן. עס דרייט זיך דער קאָפּ, ווען מע גיט אַ קוק אויף אונטן. בײַ נאַכט איז אַנדערש: בײַ נאַכט זעט זיך ניט אַזוי גוט. פֿילט מען ניט, ווי געפֿערלעך עס איז, און עס וואַקסן אויס פֿליגלען. און דאָך קלעטערט ער אַלץ העכער און העכער. זײַן מי איז ניט אומזיסט. אָט שוואַרצט זיך עפּעס אַ שפּאַלט אין פֿעלז. ס'איז טאַקע אַ הייל. ווײַזט אויס, זײַנען שוין דאָ אַ מאָל געווען מענטשן. דער אַרײַנגאַנג איז פֿאַרשטעלט פֿון ווינט מיט אַ קוסטל. אינעווייניק איז אַפֿילו דאָ אַ באַנק. און אויף דער ערד ליגן קוילן און אַש. קענטיק, אַז מע האָט דאָ געמאַכט אַ פֿײַער. אָבער די מענטשן זײַנען שוין דאָ לאַנג ניט געווען: דאָס גראָז לעבן הייל איז ניט צעטראָטן פֿון קיין טריט.

הינקערלען געפֿעלט די הייל: קיינער וועט אים דאָ ניט געפֿינען. מער פֿאַר צײַמען שרעקט ער זיך פֿאַרן שנײַדער און פֿאַר דער מומען. אָבער אַהער קענען זיי דאָך ניט קומען.

הינקערל רײַסט אָן גראָז און לייגט עס אַוועק אויפֿן באַנק.

„דאָס וועט זײַן מײַן געלעגער" — זאָגט ער צו זיך אַליין. אָבער ווי איינזאַם דאָ איז. ווען ער האָט דאָ זייער הונט אָדער אַ קו פֿון זייער סטאַדע, וואָלט אים אַזוי אומעטיק ניט געווען. ער מוז זיך גוט אײַנקוקן וואָס דאָ טוט זיך אַרום אים. פֿון איין זײַט זעט זיך אַ גראָבן. אין גראָבן וואַקסן בלומען, פֿרישע גראָז.

„דאָס וועט זײַן מײַן סטעדעלע" — דערפֿרייט זיך הינקערל.

ער גייט ווײַטער און קומט צו אַ טיפֿן שפּאַלט. ס'איז אוממיגלעך אַריבערצושפּרינגען אָדער אַראָפּצולאָזן זיך אויף אונטן. אַזוי גלײַך זײַנען די ווענט פֿון שפּאַלט. ער קערט זיך אום אין הייל. עס ווערט פֿינצטער. הינקערל ציט זיך אויס אויף זײַן געלעגער און שלאָפֿט אײַן. אָבער דער שלאָף איז ניט קיין רויִקער. אַלע ווײַלע כאַפּט ער זיך אויף. אים דוכט זיך אַלץ, אַז ער הערט שטימען. איין מאָל האָט זיך אים אַפֿילו אָפּגעדאַכט, אַז ער הערט ווי „ציִ-אויף-לינקס" רעדט און לאַכט. הינקערלען איז קאַלט געוואָרן פֿון שרעק. דערנאָך איז אים פֿאַרגעקומען, אַז ער הערט, ווי קי מוקען און הינט בילן. ער האָט זיך דערפֿרייט. אויב קי און הינט, זײַנען דאָך פֿאַראַן דערבײַ מענטשן.

איז ער ניט גאָר אַליין אויף דער וועלט. אַ באַרויִקטער איז ער ווידער איינגעשלאָפן.

אין דער פרי, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געגאַנגען אין דער זאַל, פון וואַנען עס האָבן זיך בײַ נאַכט געהערט די שטימען. אָבער קיינער האָט זיך אַרום און אַרום ניט געזען. מער נישט עטלעכע פייגל, גרויסע און קליינע, זײַנען פאַרבײַגעפלויגן. אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שפּיץ פון פעלז.

„דאָס האָבן זיך מיט מיר געריצט בייזע גײַסטער!"—האָט הינקערל געטראַכט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט די קולות, וואָס ער האָט געהערט בײַ נאַכט.

„אָבער פראַנסוואַ זאָגט, אַז קיין בייזע גײַסטער זײַנען ניטאָ. ער וואָלט מיך אויסגעלאַכט, ווען איך דערצייל אים דאָס".

בײַ די געדאַנקען האָט זיך הינקערל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

— ניין — האָט ער געזאָגט — איך וועל פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. בײַ מיר וועלן אויסוואַקסן פליגלען פון מוט, ווי דער גוטער פעטער זאָגט.

4.

הינקערל האָט געהאַלט טרינקען. קיין וואַסער האָט ניט אויסגעפעלט. פון די פעלזן האָבן זיך געגאָסן קלאָרע שטראָמעלעך. ער האָט געפונען עטלעכע גרויסע מושלען און האָט זיי אונטערגעשטעלט אונטער דעם שפּאַלט אין פעלז, פון וואַנען ס׳האָט געפלאָסן וואַסער. די מושלען האָט ער אַרײַנגעטראָגן צו זיך אין הייל. ער האָט געגעסן דאָס ביסל טרוקענע ברויט, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, און פאַרטרונקען מיט וואַסער.

דער טאָג איז פאַרבײַגעלאָפן גאָר גיך. ער האָט געקוקט אויפן ים דורכן שפּאַלט פון זײַן הייל, וויפל זײַן האַרץ האָט געגלוסט. עס האָבן זיך געזען באָטן און שיפלעך, אָבער מע איז ניט צוגעפאָרן נאָענט צום ברעג: דאָס אָרט איז געווען געפערלעך פאַר שיפן. צו פיל שטיינער איז געווען אויפן ברעג און אין וואַסער לעבן ברעג. אָן אַזוינע שטיינער קען זיך צעברעכן די שטאַרקסטע שיף. פון קלעטערן איבער די פעלזן איז הינקערל מיד געוואָרן און ער איז געשמאַק געשלאָפן די גאַנצע נאַכט אין זײַן באַהעלטעניש.

אַזוי זײַנען פאַרבײַגעלאָפן דרײַ טעג. הינקערל האָט זיך געפילט גוט. אַרבעט האָט ער געהאַט איבערן האַלדז. ער פלעגט אַראָפּקריכן גאָר אונטן און אָנקלײַבן אויסטערנס. דאָס איז דאָך געווען זײַן איינציקע שפּײַז. און מושלען מיט אויסטערנס קען מען געפינען נאָר אויף די פעלזן, וואָס דער ים באַגיסט מיט זײַנע געזאַלצנע כוואַליעס. ער האָט אָנגעשניטן ראָר־שטעקלעך און צווײַגן פון ווערבעס, געבראַכטע אין דער הייל און גענומען פלעכטן פון זיי אַ קאָרב. דאָס געלעגער האָט ער אויסגעבעט מיט ים־וווּקס (געוויקסן אַזוינע, וואָס וואַקסן אין ים און וואָס די כוואַליעס וואַרפן אָפּט אַרויס אויפן ברעג). צווישן די שטיינער האָט ער באַמערקט ווילדע הינדעלעך, קוראָפּאַטקעס. ער האָט פלינק געוואָרפן אַ שטיין און געטראָפן אַ פויגל. אָבער ווי עסט מען רויע פלייש? הינקערל האָט זיך אַן עצה געגעבן. אין יענער צײַט איז נאָך קיין שוועבעלעך ניט געווען. יעדער מאַן, אַפילו אַזוינע ייִנגלעך ווי הינקערל, פלעגן טראָגן

אין קעשענע אַ שטיקל אײַזן, אַ שאַרפֿע שטיקל שוואַרצע קיזלשטיין און אַ טרוקענעם שוועמל, וואָס וואַקסט אויף ביימער. הינקערל האָט אָנגעלייגט אַ קופּע טרוקענע צווײַגלעך, האָט אויפֿן קיזלשטיין אַוועקגעלייגט אַ שטיקל פֿונעם טרוקענעם שוועמל. מיטן אײַזן האָט ער דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן שטיין, ס'איז אַרויס אַ פֿונק. פֿון פֿונק האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס שטיקל טרוקענע שוועמל. הינקערל האָט מער נישט ווי געוואַרט אויף דעם. באַלד האָבן זיך אָנגעכאַפּט די טרוקענע צווײַגלעך. אַ פֿײַערל, אַזאַ ליכטיקער און וואַרעמער, האָט שוין געפֿלאַקערט לעבן דער הייל.

הינקערל האָט אויף אים אויסגעבראָטן זײַן קוראָפּאַטקעלע.

אין די פֿעלזן האָבן זיך געניסטעלט זייער פֿיל פֿייגל. הינקערל האָט זיך ניט געקענט אָנפֿרייען מיט זיי. וואָסערע פֿאַרשיידענע פֿייגל דאָ זײַנען געווען! אַנדערע פֿלעגן פֿליִען גאָר הויך אין דער לופֿטן און זיך פֿאַרלירן אין די וואָלקנס. אַנדערע פֿלעגן זיך טראָגן גאָר נאָענט צום וואַסער און אָפּט זיך לאָזן שווימען. איבערהויפּט האָבן אים פֿאַראינטערעסירט גאָר גרויסע פֿייגל, וואָס פֿלעגן זיך דרייען אין אַ קרײַז אין בלויען הימל און פֿלעגן מיט אַ מאָל ווי אַ שטיין אַראָפּפֿאַלן אויף אונטן. הינקער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס פֿאַלן זיי אָן אויף אַנדערע פֿייגל, וואָס זײַנען שוואַכער פֿון זיי.

גאָר פֿיל פֿון די פֿייגל שפּײַזן זיך מיט פֿיש. די בעסטע צײַט פֿון פֿאַנגען פֿיש איז, ווען עס הייבט זיך אָן דער אָפּפֿלוס. פֿיל פֿיש בלײַבן דאַן אויפֿן זאַמד. - עס טרעפֿט זיך אָבער גאָר אָפֿט, אַז אַ נײַע כוואַליע כאַפּט אונטער די איבערגעבליבענע און טראָגט זיי אַוועק אין ים אַרײַן. נאָר די פֿייגל מיט זייער פֿלינקייט קענען זיך נאָכיאָגן נאָך דער כוואַליע און אַרויסכאַפּן דעם פֿיש. הינקערל איז מקנא געווען די פֿייגל. אמת, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בײַ אים זײַנען שוין עטלעכע מאָל אויסגעוואַקסן פֿליגלען. פֿליגלען פֿון מוט. אָבער דאָס איז געווען אין מינוטן פֿון גרויסער געפֿאַר. איצט האָט ניט געלוינט צוליב אַ פֿישל זיך וואַרפֿן פֿון דער הויך אין וואַסער אַרײַן. בעסער זיך אויסלערנען שווימען און נאָכיאָגן כוואַליעס שווימענדיק.

הינקערלען איז פֿריִער קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו

שוימען. אָבער ער איז דאָך געווען אַ מוטיקער יינגל. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַרן דערטרינקען. ער האָט זיך גענומען אַליין לערנען שוימען. אַרבעטן מיט די הענט און פיס אין וואַסער, און גאָר גיך האָט ער שוין געקענט שווימען ניט ערגער פון די וואַסער-פייגל. איין זאַך האָט אים פאַרדראָסן: ער ווערט גיכער מיד ווי אַ פויגל.

הונגעריק איז ער ניט געווען. עס האָט זיך נאָר געבענקט נאָך ברויט. אָבער גיין זוכן אַ דערפל האָט ער ניט געוואָלט: ער קאָן זיך דאָך אָנשטויסן אויפן שניידער אָדער אויף דער מומען.

פיש און אויסטערנס זיינען אים אַ ביסל מיאוס געוואָרן. דאַן האָט ער זיך געפונען אַ נייעם מאכל — פייגלשע אייער. אַ פולע ים-פייגל פלעכטן ניט קיין נעסטן און לייגן זייערע אייער אויפן זאַמד אָדער אין די שפּאַלטן פון די פעלזן. הינקערל האָט געפונען אַ פולע אייער, אָבער זיי זיינען געווען גאָר קליינע. ווייזט אויס, האָבן גאָר גרויסע פייגל געלייגט זייערע גאָר גרויסע אייער אויפן סאַמע שפּיץ פונעם פעלז. קריכן אהין איז געווען זייער געפערלעך. ווען הינקערל פלעגט פון אונטן געבן אַ קוק אויף אויבן—אויפן שפּיץ, פלעגט זיך ביי אים פאַרדרייען דער קאָפּ. אָבער ער ווערט מוטיקער פון טאָג צו טאָג. און ער איז פאָרט אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן אָרט. זיין מי איז ניט געווען אומזיסט: ער האָט געפונען אין אַ גריבל גרויסע שיינע גרינע אייער. ער האָט זיי אַריינגעלייגט אין קאָרב, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט ווייכן ים-וווקס. די אייער זאָלן זיך ניט צעברעכן.

אויסער דעם האָט ער נאָך געפונען דריי פּרעכטיקע פעדערן. ער האָט זיי אַריינגעשטעקט אין היטל. זיי זיינען געווען לאַנגע, דינע, צאַרטע און ווייסע ווי שניי.

ס'איז שוין אַוועק אַ גאַנצע וואָך. און הינקערל האָט ניט געזען ניט איין מענטשן ניט אויפן ברעג און ניט אויף די דיונעס. ער האָט געהאַט אַזוי פיל אַרבעט, אַז ס'האָט אים ניט געקענט זיין אומעטיק. אָבער אַז ער האָט זיך איינגעלעבט אין זיין באַהעלטעניש און האָט שוין געקענט אַלע וועגעלעך און שטעגעלעך אין די פעלזן ווי זיינע פינף פינגער, איז אים מיט אַ מאָל

געהאָרן אומעטיק. ער האָט געוווּסט, אַז פון הונגער קען ער דאָ ניט שטאַרבן. אָבער די טעג האָבן זיך גענומען ציִען אַזוינע לאַנגע, אומעטיקע. ער האָט שוין געוווּסט, ווי אַזוי עס לעבן דאָ אַלע פייגל. אים האָט זיך אָבער געוואָלט וויסן, ווי זיי הייסן און פון וואַנען זיי האָבן זיך דאָ גענומען. ער וואָלט מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן געקענט דערציילן וועגן זיי, זיך דורכריידן מיט עמעצן. דאָס וועטער איז געווען וווּנדערלעך. ס'איז געווען מאָנאַט מיי. עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן אויפן ברעג. ביי הינקערלען פלעגט אַזוי נעמען קלאַפּן דאָס האַרץ, ווען ער פלעגט דערזען אַ דורכגייער. ער וואָלט, דאַכט זיך, צוגעפלויגן און אָנגעהויבן ריידן. אָבער ווי טוט מען דאָס? ווי אַז יענער פרעגט אים, ווער ער, הינקערל, איז און וואָס ער טוט דאָ? מע האָט ניט ליב אַזוינע, וואָס וואַגלען אַרום. מע זעצט זיי אַפילו אין טורמע אַריין. ער זאָל עפּעס אויסטראַכטן וועגן זיך אַ מעשה און דערציילן אַ ליגן? ניין. דאָס קען ער ניט. ליגן איז אים צוווידער. ער האַסט ליגנער.

איין מאָל האָט ער דערהערט, ווי ס'קלינגען גלאָקן. דאָ האָט ער שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. ער מוז אַרויס פון זיינע פעלזן, צוגיין צום דערבייִקן דאָרף און זען מענטשן. גלאָקן קלינגען, אַ סימן, אַז ס'איז יום-טוב.

הינקערל האָט זיך אויסגעפּוצט, האָט אָנגעטאָן דאָס היטל מיט די וווּנדערלעכע שניי-ווייסע פעדערן, וואָס ער האָט געפונען אויפן פעלז.

דאָס דערפל האָט ער טאַקע באַלד געפונען. עס האָט געהייסן ווילער. ער וועט מיט קיינעם ניט ריידן. ער וויל נאָר זען מענטשן, הערן זייערע שטימען.

ער גייט דורכן דערפל. מע קוקט אויף אים, נאָך מער — מע באַגלייט אים מיט די אויגן, מע קוקט אים נאָך. הינקערל איז זייער פאַרוווּנדערט.

5.

הינקערל איז אומרויִק געוואָרן, וואָס מע קוקט אַזוי אויף אים, און ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקערן אין זײַן הייל. אָבער ווען ער האָט דערזען אַ בעקערײַ, האָט ער זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן. ער איז אַרײַן קויפן ברויט.

— וויפל ברויט דיר געבן? — האָט געפרעגט דער בעקער מיט אַ פרײַלעכער מינע.

— גיט מיר גאָר אַ גרויסן לאַבן — האָט הינקערל געענטפערט. ער האָט געוואָלט זיך אָנגרייטן ברויט אויף לאַנג.

— איר מוזט זײַן אַ גרויסע מישפּחה, ווי באַלד דו נעמסט אַזוי פיל ברויט מיט אַ מאָל? — האָט דער בעקער געפרעגט.

— גיט נאָר גיכער, איך מוז גיין!

— ווער ביסטו אַזוינער? — האָט דער בעקער ניט אויפגעהערט — איך האָב דיך דאָ קיין מאָל ניט געזען. ביסט אַ פרעמדער? און וואָס האַלטסטו זיך אַזוי גרויס? דיר פּאַסט אפילו ניט צו ענטפערן. ברויט איז אין אונדזער קאַנט טײַער. אָבער אויב דו גיסט מיר אַוועק די דרײַ פעדערן, וואָס דו טראָגסט אין היטל, גיב איך דיר אַלע זונטיק אַ לאַבן ברויט אַ מאָנאַט נאָך אַנאַנד.

הינקערל האָט געמיינט, אַז דער בעקער לאַכט פון אים. אָבער יענער האָט אים גענומען אײַנריידן, ער זאָל בײַטן די פעדערן אויף ברויט. האָט הינקערל פאַרשטאַנען, אַז די פעדערן מוזן זײַן אַ זעלטענע זאַך.

איצט האָט ער אויך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס אַלע האָבן אויף אים געקוקט, ווען ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס. ער האָט אויף גיך אַרויסגענומען די פעדערן פון היטל. ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט זיי אַוועקצוגעבן דעם בעקער. אויב די פעדערן זײַנען אַזאַ טײַערע זאַך, פאַר וואָס זאָל ער זיי אַוועקגעבן פאַר געלט? וואָס דאַרף ער געלט? ער וועט זיי בעסער לאָזן בײַ זיך: ס'איז דאָך געווען אַזוי שווער אַרויסצוקלעטערן אויבן שפּיץ פון פעלז. ער האָט דאָך ריזיקירט מיטן לעבן.

— ניין, איך פאַרקויף ניט די פעדערן! — האָט הינקערל געזאָגט און דערלאַנגט דעם בעקער געלט פאַרן לאַבן ברויט.

דער בעקער האָט אים אָנגעבאָטן פאַר די פעדערן פיר לאַבנס ברויט אַ וואָך גאַנצע צוויי מאָנאַטן. אָבער הינקערל האָט ניט אָוועקגעגעבן.

אַרויסגייענדיק האָט ער געהערט, ווי דער בעקער האָט גערעדט מיט זײַן פרוי, אַז דאָס זײַנען זייער טײַערע פעדערן. אַ מאָל זײַנען דאָ אויפן ברעג אין די פעלזן געווען אַ פולע פייגל מיט אַזוינע פעדערן, איצט אָבער זעט מען זיי שוין גאָרניט. פאַרפאַלן געוואָרן. פאַר אַזוינע פעדערן קען מען באַקומען גאָר פיל געלט.

די בעקערין האָט זייער באַדויערט, וואָס איר מאַן האָט דעם ייִנגל ניט אָנגעבאָטן געלט שטאָט ברויט.

הינקערלען האָט ניט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט אָפּגעגעבן די פעדערן. אַ פאַרטראַכטער איז ער געגאַנגען אַהיים צווישן די דיונעס. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַזאַ געשפּרעך הינטער זיך:

— איר זאָגט, אַז דער ייִנגל איז אַוועק אין דער זײַט! איך מוז אים דעריאָגן! אויב ער וועט מיר די פעדערן ניט פאַרקויפן, וועל איך מיט געוואַלד זיי צונעמען פון אים.

אָ, הינקערל האָט גלײַך דערקענט דעם קול. דאָס איז געווען דער שנײַדער, ניט קיין אַנדערער. מע מוז זיך ראַטעווען!

אין אַ רגע וואַקסן אויס בײַ הינקערלען פליגלען פון שרעק און זיי טראָגן אים אַוועק ווײַט פון וועג אין די קוסטעס. אָבער דאָ באַרויִקט ער זיך און הייבט זיך אָן צו שעמען, וואָס ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן הויקער.

ער, הינקערל, קען דאָך אַרויפקלעטערן אויף דעם הויכן פעלז; ער קען אויך שווימען, טאָ וואָס שרעקט ער זיך פאַר „צי-אויף-לינקס". וואָס וואָלט קיין מאָל ניט געוואַגט אַזוינס צו טאָן!

— שוין צײַט, איך זאָל זײַן אַ מענטש. לאָמיך אים ווײַזן, וואָס איך קען, וועט ער אויפהערן מיך צו פאַרפאָלגן.

הינקערל האָט גענומען זײַן גראָבן שטעקן און איז אַוועק דעם שנײַדער אַנטקעגן. ווען ער איז צו גאָר נאָענט צום הויקער, האָט בײַ אים אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ. אָבער ער האָט אויסגעצויגן די הענט אַזוי, ווי דאָס וואָלטן געווען פליגלען פון מוט.

דער שנײַדער איז אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט אויף צוריק.

— אָך, דאָס איז דאָך מײַן קלײנער לערנײַנגל! — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיסן שמײכעלע. — דו דערקענסט מיך ניט? איך װינטש דיר ניט קײן בײז.

— ניט אמתו — האָט געענטפערט הינקערל: — איך װײס, אַז איר װילט צונעמען פון מיר מיט געװאַלד די פעדערן.

— פון װאַנען װײסטו דאָס? — האָט געפרעגט „צי־איך־לינקס" אַ פאַרװוּנדערטער.

— די גײַסטער האָבן מיר דאָס געזאָגט! — האָט הינקערל אויסגעשריִען.

דער שנײַדער איז געװאָרן װײַס װי קאַלך. ער האָט געגלויבט אין טײַװל און אין גײַסטער. און ער האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן.

— זאָג מיר מער נישט, װוּ עס נעסטלען זיך די פײגל מיט די װוּנדערלעכע פעדערן. מער פאַרלאַנג איך פון דיר ניט — האָט זיך געבעטן דער הויקער.

— זײערע נעסטן זײַנען אין אַזױנע ערטער, װאָס צו זײ קענען צוקומען נאָר פײגל און גײַסטער. איך האָב פאַר אײַך קײן מורא ניט! און אויב איר װעט מיר װעלן עפּעס אָפּטאָן, װעל איך אײַך פאַרשלעפּן אַהין, װוּ די פײגל פאַרטראָגן ראַקעס, און איך װעל אײַך אין־ים אַראָפּשלײַדערן — האָט הינקערל געענטפערט.

דער שנײַדער האָט זיך געלאָזן לויפן אויף צוריק.

הינקערל האָט גענומען דעם לאַבן בּרויט און די פעדערן און איז װאָס גיכער אַװעק אין זײַן הייל.

סאַר אַ װוּנדערלעכער טאָג דאָס איז געװען!

— איך װעל אָנקלײַבן נאָך פעדערן אַזױנע, איך װעל זײ פאַרקױפן און װעל קומען צום פאָטער און אים זאָגן: „איך דאַרף שוין ניט זײַן קײן שנײַדער. איך פאַרדין אין אײן טאָג מער, װי מײַנע בּרידער אין אַ גאַנץ יאָר. איצט קענסטו מיך לאָזן לעבן אַזוי, װי מיר װילט זיך". דער פאָטער װעט אים מוחל זײַן און אים געבן די פרײַהײט צו לעבן, װי אים געפעלט.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז הינקערל אַרויף אויפן געפערלעכן פעלז, ער האָט דאָס באַװיזן נאָך פאַרן זונאויפגאַנג און

געמאַכט עס אַזוי פאַרזיכטיק, אַז ער האָט ניט אויפגעוועקט ניט איין פויגל.

די מוטערס זײַנען געזעסן אויף די אייער, און די מאַנעלעך האָבן זיי געבראַכט פיש אין די שנאָבלען. די שיינע פעדערן אויפן קאָפּ האָבן אויך געהאַט מער נישט די מאַנעלעך.

ס'איז געווען די צײַט, ווען די פייגל בײַטן זייערע פעדערן.

הינקערל האָט באַמערקט, אַז אויפן פעלז ליגן אַ פולע אַזוינע צאַרטע פעדערן. אָבער ער האָט זיך ניט געאײַלט זיי אויפצוהייבן. ער האָט זיך פריִער געוואָלט נענטער באַקענען מיט דעם לעבן פון די פייגל. ער האָט זיי אויך ניט געוואָלט איבערשרעקן. ער האָט געוווּסט, אַז טאָמער שרעקט ער זיי איבער, וועלן זיי אַוועקפליִען און זיך מער ניט אומקערן. די פייגל האָבן אים באַמערקט און אָנגעהויבן שרײַען. אָבער אַזוי ווי הינקערל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, האָבן זיי זיך באַרויִקט און שוין ניט געלייגט קיין אַכט אויף אים. ווען די מידע פייגל זײַנען אײַנגעשלאָפן, האָט הינקערל פאַרזיכטיק צוזאַמענגעקליבן די פעדערן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן פעלז. דערבײַ האָט ער ניט אָנגערירט ניט איין איי. פאַרקערט, ער האָט נאָך אָנגעבראָקלט ברויט לעבן די נעסטן, די פייגעלעך, וואָס וועלן זיך אויספּיקן פון די אייער, זאָלן האָבן וואָס צו עסן.

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט ער אַזוי געבראָקלט ברויט, וואָס אַלע פייגל, די גרויסע און די קינדער, האָבן געפּיקט מיט פאַרגעניגן.

די קליינע פייגעלעך, וואָס האָבן נאָך ניט געוווּסט, אַז מע דאַרף זיך שרעקן פאַר מענטשן, פלעגן עסן פון זײַן האַנט און נאָכפליִען נאָך אים ביזן ברעג פון פעלז.

הינקערל האָט געהאַט דערפון זייער פיל פרייד. ער האָט ליב געקראָגן די ווילדע פייגל אַזוי, ווי ער האָט נאָך קיין מאָל ניט ליב געהאַט טויבן און הינער. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס די ווילדע פייגל האָבן אַזוי פיל צוטרוי צו אים. ער פלעגט שטענדיק ברעקלען ברויט. אַזוי האָבן זיך צו אים צוגעוווינט און צוגעבונדן די איבעריקע פייגל אויך. הינקערל האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט שוין מער קיין מאָל ניט צוהרגענען קיין פייגל. זיי

זײַנען דאָך זײַנע אײנציקע פרײַנד אין זײַן אײנזאַמער באַהעלטעניש.

ער האָט געװאָלט זיך װידער פּראָפּלאָזן אין דאָרף נאָך שפּײַז, אָבער קײן װילער האָט ער ניט געװאָלט גײן. דאָרטן װעט ער זיך װידער טרעפן מיטן בעקער, און יענער װעט נעמען צושטײן צו אים. װײַטער, קען זײַן, אַז מע װעט אים נאָכגײן און אױסשפּירן דאָס אָרט, װוּ ער באַהאַלט זיך.

פון באַרג האָט ער באַמערקט אַ צװײטן דערפל. דאָס איז געװען אַבערװיל. ער האָט געקױפט ברױט, עפּל און האָט אױסגעטרונקען אַ גלאָז קװאַס. קײן פעדערן אין היטל האָט ער שױן ניט געטראָגן. ער האָט ניט געװאָלט צוציִען צו זיך קײנעמס אױפמערקזאַמקײט. ער האָט זיך געהיט, מע זאָל זיך ניט דערװיסן, װער ער איז. דאַן קען מען אים אָפּפירן אַהײם צו די עלטערן. ער װיל אױך ניט, מע זאָל געפינען זײַן באַהעלטעניש. דאַן װעלן קומען אַהער קינדער און הענדלער. װאָס װעלן צונעמען די טײַערע פעדערן.

ער האָט אַלײן גאָר װײניק געגעסן. אָבער ער האָט זיך דערװוּסט, אַז אױסער די פעדערן, װאָס ער האָט געזאַמלט, איז פאַראַן נאָך אַ מין פױגל, ניט קײן גרױסער, מיט אַ בלישטשעדיקן פוך אױפן בײַכל. פאַר דעם פוך צאָלט מען זײער טײַער. צװײ מאָל אין יאָר קומען אַהער סוחרים אױפצוקױפן אַט די טײַערע פעדערן.

הינקערל האָט זײער געװאָלט פרעגן, װען די סוחרים װעלן קומען, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך אַרױסצוגעבן און ער האָט באַשלאָסן קומען אַ צװײטן מאָל.

.6

הינקערל האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די איַינוווינער פון פישערדאָרף ווייסן ניט, אַז אויפן פעלז לעבן די פייגל מיט די וווּנדערלעכע פעדערן. אָבער דאָס, וואָס ער האָט שפּעטער געהערט אין דאָרף, האָט אים אַלץ אויפגעקלערט. אינעם דאָרף האָט מען דערציילט, אַז אויפן גרויסן פעלז זיַינען אַ מאָל געוואַקסן ביימער און די פייגל האָבן אויף די צוויַיגן געבויט זייערע נעסטן. איין מאָל האָט אַ שטורעם אַראָפּגעריסן אַ שטיק פעלז מיט די ביימער. איצט איז אויפן פעלז קיין ביימער ניטאָ, און דערפאַר איז דאָרטן די ערד ווייכער. אַזוי פלעגן די וואָרצלען בינדן די ערד. איצט איז זי געוואָרן שיטעוודיקער. דער באַרג קען זיך לײַכט אַראָפּשיטן. דערפאַר האָט מען אויפגעהערט צו קלעטערן אַהין.

און ער לעבט דאָס אויף דעם פעלז און קלעטערט נאָך אויפן שפּיץ. ביַי נאַכט איז אים געווען שרעקלעך. אויפן יַם האָבן זיך געטראָגן גרויסע כוואַליעס; זייער רוישן האָט זיך געהערט אין הייל. און אים האָט זיך געדוכט, אַז אַ פעלז פאַלט איַין. ער האָט דאָך ניט געוווּסט, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען די שטיינער, וואָס ליגן אויפן ברעג און אין ים. דאָס האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון די גרויסע פעלזן.

הינקערל האָט פאַרבראַכט אַן אומרויִקע נאַכט: ער קען דאָך צעשמעטערט ווערן פון די פעלזן. אָבער ווי גייט מען אַוועק פון דאַנען? ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון דעם פריַיען זעלבשטענדיקן לעבן? אים געפעלט אַזוי, וואָס ער לעבט ווי אַ ווילדער און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען. ניין, ער וועט ניט אַוועקגיין פון דאַנען: די פייגל נעסטלען זיך דאָ. און ער ווייס דאָך, אַז פייגל שפּירן גיכער און בעסער די געפאַר ווי אַ מענטש. ווען זיי וואָלטן געשפּירט, אַז דער פעלז קען איַינפאַלן, וואָלטן זיי דאָ ניט געבויט זייערע נעסטן.

און הינקערל איז געבליבן.

ער האָט דאָ אָפּגעלעבט אַ גאַנצן זומער. אין די דערפער פלעגט ער גיין גאָר זעלטן. זיַין מאָגן האָט זיך צוגעוווינט צו ווילדע פרוכט און אויסטערן. איין מאָל האָט ער אויפן וועג

באַגעגנט הענדלער און ער האָט זיי פאַרקויפט זײַנע פעדערן. ער האָט באַקומען פאַר זיי אַ פולע געלט.

דאַן האָט ער באַשלאָסן דאָס געלט אָװעקצוטראָגן צו די עלטערן. אָבער פריִער מוז ער זיך זען מיטן פעטער לאָקיל.

אין פישערשטעטל האָט ער זיך באַשטעלט אַן אַנצוג, װעש און שיך.

מיטן שטעקן אין דער האַנט און מיטן געלט אין קעשענע האָט ער זיך געלאָזט גיין צום שטעטל טרוװיל.

דעם פעטער האָט ער באַגעגנט אַ טרויעריקן, אַ פאַרװיינטן. ער האָט נאָר װאָס באַגראָבן די מומען. און כאָטש זי איז געװען זייער אַ בייזע, האָט דער גוטער פעטער לאָקיל זיך ניט געקענט טרייסטן. ער האָט זיך זייער פאַרװוּנדערט, װען ער האָט דערזען הינקערלען. דער פעטער האָט געמיינט, אַז דער יִנגל איז שוין לאַנג בײַ זײַנע עלטערן.

די ערשטע מינוט האָט דער פעטער אפילו אים ניט דער-קענט: אַזוי האָט זיך הינקערל אומגעביטן: ער איז אויסגעװאַקסן, איז אָפּגעברענט געװאָרן פון זון. זײַן אויסזען איז געװען אַזאַ זיכערער, דער בליק—אַ לעבעדיקער, אַ שאַרפער, אַן ערנסטער.

— פון װאַנען קומסטו? — האָט לאָקיל אויסגעשריִען — ניט פון דער הײם?

— ניין — האָט געענטפערט דער יִנגל — איך װעל אײַך שפּעטער דערציילן װעגן זיך. איצט זאָגט מיר נאָר, װאָס מײַנע עלטערן מאַכן.

— איך װײס קיין זאַך ניט װעגן זיי. ס'איז שוין, דאַכט זיך, אַ האַלב יאָר, װי דו ביסט אַנטלאָפן פון אונדז דאַן בײַ נאַכט?

— יאָ, פעטער, זעקס מאָנאַטן.

— איך בין געװען זייער אומרויִק װעגן דיר, האָב דיך אומעטום געזוכט. דערנאָך האָב איך באַגעגנט דעם שנײַדער. האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט דיך געזען. ער האָט דיך אָבער ניט געװאָלט נעמען מיט געװאַלד. ער האָט געמיינט, אַז דײַנע עלטערן װילן, דו זאָלסט בעסער בלײַבן בײַ זיי. װען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך באַרויִקט. דערנאָך איז, נעבעך, די מומע קראַנק געװאָרן. בין איך שוין אין ערגעץ ניט געגאַנגען און האָב קיינעם ניט געזען. זיי מיינען, אַז דו ביסט ערגעץ אויף

אַ שיף װאַט פון דאַנען. מיר דאַכט זיך, אַז דו קענסט רויִק גיין אַהיים. דער שניידער װעט דיך אַליין ניט נעמען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גיכער װעט ער זיך נעמען לערנען דעם טאַװול איידער אַזאַ ייִנגל װי דו. איך האָב זיך געפרייט, װאָס דו האָסט אים געװיזן צײנער.

—איך האָב אים געװיזן מײַן שטעקן—האָט הינקערל געזאָגט:

— איר זײַט געװען גערעכט, פּעטער: בײַ מיר זײַנען טאַקע אויסגעװאַקסן פליגלען פון מוט.

הינקערל האָט דערציילט דעם פּעטער אַלץ, װאָס מיט אים איז געשען.

דער גוטער לאָקיל האָט זיך ניט געקאָנט אָנפרייען.

—איצט.—האָט ער געזאָגט—װען דו האָסט געלט, קענסטו טאָן, װאָס דו װילסט. מע װעט דיך גערן נעמען אויף אַ שיף און דו װעסט קענען פאָרן אין װײַטע לענדער. דאָרטן װעסטו קענען זען נאָך שענערע און מערקװירדיקערע פייגל װי די, װאָס דו האָסט געזען אין די דיונעס.

— אֶמֶת, פּעטער, איך װייס נאָך גאָרנישט. איך דאַרף זיך אַזוי נײַטיק לערנען.

—אַ רײַזע לערנט מער פון אַלץ.

הינקערל האָט אָבער געטראַכט, אַז רײַזן אַליין איז װייניק. מע דאַרף זיך לערנען אויך. דער פּעטער האָט טאַקע געמאַכט אַ רײַזע אַרום דער ערד. אָבער ער קען ניט לייענען און שרײַבן און ער װייס ניט אפילו גאָר איינפאַכע זאַכן. דאָך האָט זיך אים געװאָלט רײַזן. װיפל מאָל ער האָט געחלומט װעגן אַ װײַטער רײַזע אין זײַן איינזאַמער הייל! דער פּעטער ראָט אים פאָרן קיין ענגלאַנד. פון דאָרטן פאָרן אַלע יאָר אַרויס שיפן קיין צָפון צו פאַנגען פייגל מיט טײַערע פעדערן און פוך. אָבער װען הינקערל האָט דערהערט, אַז צוליב דעם הרגעט מען צו די פייגל, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שוידער:

— צוהרגענען פייגל! ניין, דאָס ניט! דאָס איז שרעקלעך!

הינקערל האָט אַרומגעשפּאַצירט מיטן פּעטער אויפן ברעג פון ים. עס האָבן זיך געזען גרויסע שיפן. הינקערל איז שוין גרייט געװען צו קויפן אַ בילעט. אָבער מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אין דער לופטן אַ שטיל געזאַנג, װי דעמאָלט, װען

ער איז אַנטלאָפן פון שנײַדער און װען בײַ אים זײַנען מיט אַמאָל אויסגעװאַקסן פליגלען פון מוט.

ער האָט פאַרלאָזן דעם פּעטער און האָט גענומען לויפן אין דער ריכטונג, װוּ די שטימען האָבן זיך געהערט.

לאַנג איז ער אַזוי געלאָפן. דערנאָך איז ער מיד געװאָרן און האָט זיך װידער אומגעקערט צום פּעטער.

— װאָס איז מיט דיר? — האָט דער פּעטער זיך געװוּנדערט:

— װאָס לויפסטו נאָך די נאַכטפײגעלעך?

—אָ, די נאַכטפײגעלעך זײַנען מײַנע גוטע, גוטע גײַסטער. זײ האָבן מיר דאָס געהאָלפן קריגן פליגלען פון מוט. װען איך דערהער זײ נאָר, לויף איך נאָך נאָך זײ. איך פיל, אַז איצט האָבן זײ מיר אויך אָנגעזאָגט, איך זאָל נאָך ניט פאָרן אין קײן װײַטן לאַנד, איך זאָל זיך פריִער אומקערן אַהײם. איך מוז זיך זען מיט מײַנע עלטערן און זײ אָפּגעבן דאָס געלט.

—גוט—האָט געזאָגט דער פּעטער:—אָבער װי װעט זײַן, אויב זײ װעלן צונעמען דאָס געלט און דיר ניט געבן. װען דו װעסט װעלן רײַזן?

— איז אויך ניט קײן בײז. דאַן װעל איך װידער אַרויפ-קלעטערן אויפן פעלז און אָנקלײַבן פעדערן, און מיט דער צײַט װעלן מיך די עלטערן לאָזן אָנקומען אויף אַ שיף.

הינקערל האָט זיך געזעגנט מיטן פּעטער, האָט זיך דער-װוּסט בײַ דורכגײער װי צו גײן און איז אויף מאָרגן שוין געשטאַנען לעבן טירל פון דעם הײמישן סאָד.

7.

די מוטער האָט דערזען הינקערלען פריִער פון אַלעמען. זי האָט אים דערקענט פון ווײַטן, כאָטש ער האָט זיך געביטן. פאַר גרויס פרייד האָט זי אים גענומען האַלדזן און קושן.

דער מוטערס פרייד האָט הינקערלען טיף גערירט. ער האָט געמיינט, אַז די מוטער האָט אים גאָרניט אַזוי ליב. און זי, נעבעך, האָט אַזוי געבענקט און געטרויערט נאָך אים! זי פלעגט דאָס אָבער פון אַלעמען באַהאַלטן.

דער פאָטער דוסי, דער ברודער פראַנסוא און אַלע איבעריקע האָבן זיך אויך געפרייט. ער איז גוט אָנגעטאָן, געזונט, הינקט ניט. ווײַזט אויס, אים איז גוט געגאַנגען אויף זײַן רײַזע. אַלע האָבן זיי געמיינט, אַז ער איז געקומען פון ערגעץ ווײַט.

דער פאָטער האָט אים אויסגערעדט, וואָס ער איז אַוועק אויף אַ שיף ניט פרעגנדיק, און אויב ער וועט ניט פאַרדינען, וועט ער פאַלן צו לאַסט דער פאַמיליע.

הינקערל האָט אויסגעהערט דעם פאָטער און האָט אים שווײַגנדיק דערלאַנגט זײַן בײַטעלע.

— דאָס האָב איך פאַרדינט אין די זעקס מאָנאַטן. נעמט זיך עס אײַך, פאָטער. איך האָף, אַז איבער אַ יאָר וועל איך פאַרדינען מער.

אַלע זײַנען געבליבן שטיין פאַרוווּנדערטע.

דער פאָטער האָט אָבער שטרענג געזאָגט:

— ווו האָסטו גענומען דאָס געלט. מײַן זון! אַ „יונגע" אויף אַ שיף פאַרדינט ניט אַזוי פיל געלט. מע גיט נאָר עסן פאַר זײַן אַרבעט.

הינקערל האָט געזען, אַז דער פאָטער איז אים חושד, אַז דאָס געלט האָט ער געגנבעט. דערפאַר האָט ער דערציילט, אַז ער האָט עס באַקומען פאַר טײַערע פעדערן, וואָס ער האָט גע־זאַמלט. ער האָט אָבער ניט אויסגעזאָגט, ווו ער איז געווען און ווו ער האָט די פעדערן געזאַמלט. אַלע האָבן געמיינט, אַז ערגעץ ווײַט אין ענגלאַנד אָדער אין שאָטלאַנד. דער פעלז

מיט זײַן הײל איז געבליבן הינקערלס סוד. ער האָט אפילו דעם פעטער ניט געוויזן דאָס אָרט. ער האָט געוווּסט, אַז מע וועט אים אַ צווייטן מאָל אַהין ניט לאָזן, ווײַל דאָס אָרט איז אַ געפערלעכס. דערפאַר האָט ער געשוויגן.

דער פעטער איז געווען גערעכט. דער פאָטער דוסי האָט הערן ניט געוואָלט, אַז הינקערל זאָל ערגעץ פאָרן. דאָס געלט וועט ער ניט צוזאַמען פאַר זיך. ער וועט צוקויפן ערד, און דאָס וועט זײַן פאַר הינקערלען.

אַ טרויעריקער האָט זיך הינקערל געלייגט שלאָפן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פלענער וועגן אַ רײַזע מוז מען דערווײַלע אָפּלייגן.

ס'איז געווען אַזוי אָנגענעם צו שלאָפן אויף אַ ווייכן און ריינעם געלעגער. די מוטער איז געווען אַזוי צערטלעך. זי האָט געקאָכט צוליב אים אַזוינע געשמאַקע מאכלים. אין שטוב איז געווען אַזוי וואַרעם, אַזוי געמיטלעך. און אין דער הייל איז איצט געוויס קאַלט און פײַכט. הינקערל האָט באַגלייט מיט די אויגן טשאַטעס פייגל, וואָס זײַנען געפלויגן ווינטערן אין די וואַרעמע לענדער. און ער האָט געטראַכט, אַז ער איז דאָך אויך געקומען ווינטערן אין אַ וואַרעמער היים. אַזוי ווי ער האָט קיין אַרבעט ניט געהאַט, האָט ער אָנגעהויבן ווידער צו פיטערן קי. אָבער ס'איז אָנגעפאַלן אויף אים אַזאַ אומעט פון די אומגעלומפּערטע קי און פון דעם פלאַכן פליין, אַז ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. זײַנע געדאַנקען זײַנען שטענדיק געווען אויפן ים און אויף די פעלזן.

איין מאָל האָט אים דער פאָטער געשיקט נאָך רפואות צום אַפּטייקער אין דער שטאָט דיוו. דאָס איז זייער אַן אַלטע שטאָט. הינקערל האָט אָבער געקוקט נאָר אויף איין זאַך — אויפן האַפן, ווו עס זײַנען געשטאַנען שיפן. אים האָט ווידער אַ ציי געטאָן צום ים. ער האָט זיך כמעט פאַרגעסן אָן אַפּטייקער. אָבער הינקערל האָט זיך באַגעקומען. ער וועט ניט אַנטלויפן. ער וועט זיך דערוואַרטן, אַז דער פאָטער אַליין וועט אים אָפּלאָזן. און ער איז אַרײַן אין אַפּטייק. וואַרטנדיק אויף די רפואות האָט ער זיך פאַרקוקט אויף אַ זייער שיינעם פויגל, וואָס איז געווען אין

אפטייק אין א גלעזערנער שטייג. דער אפטייקער האט באמערקט, ווי דער יינגל איז אנטציקט. האט ער געעפנט די שטייג און געהייסן דעם יינגל אנרירן דעם פויגל. הינקערל האט זיך נאך מער פארוואונדערט, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז דער פויגל, וואס זעט אויס אזוי לעבעדיק, איז א טויטער און איז אנגעשטאפט מיט שטרוי. הינקערל האט אפילו ניט געוווּסט, אז מע קען אזוינס מאכן, און ער האט גענומען בעטן דעם אפטייקער, ער זאל אים אויסלערנען אנשטאפן פייגל. דעם אפטייקער איז הינקערל זייער געפעלן געווארן און ער האט געזאגט:

—גוט. אויב דו ווילסט מיר העלפן אין מיין ארבעט, בין איך מסכים דיך צו לערנען.—דא ניט ווייט וווינען צוויי גרויסע ליבהאבער פון פייגל. זיי זיינען געלערנטע. די וויסנשאפט וועגן פייגל הייסט ארניטאלאגיע. איינער פון די געלערנטע איז א באראן און וווינט אין א שלאס דא דערביי. דער צווייטער איז א פאסטאר. זיי אינטערעסירן זיך ביידע זייער מיטן לעבן פון פייגל און זאמלען ביי זיך אן גרויסע קאלעקציעס פון אנגעשטאפטע פייגל. די געגנט איז רייך מיט אלערליי פייגל, וואס נעסטלען זיך דא לעבן ים און אויף די זומפן. די יעגער פאנגען די פייגל, פארקויפן די געלערנטע, און זיי גיבן אפ די פייגל דעם אפטייקער, ער זאל זיי אנשטאפן. דאס איז ניט קיין איינפאכע מלאכה. ער, דער אפטייקער, וועט גערן נעמען צו זיך א געהילף. אויב הינקערל וועט זיך אויסלערנען ארבעטן, וועט ער גערן צאלן.

— א, נעמט מיך!—האט זיך הינקערל לעבעדיק אפגערופן— איך האב געזען א פולע פייגל. איך ווייס אבער נישט, ווי מע רופט זיי. איך ווייס, ווי זיי לעבן. אט דעם פויגל, וואס איז ביי אייך אונטערן גלאז, האב איך אויך א פולע מאל געזען. און איר ווייסט, אז איר האט אים געשטעלט ניט אין קיין ריכטיקער פאזע. ווען מע קען אים בויגן, וואלט איך אים געשטעלט אנדערש, אזוי ווי ער ווייזט אויס, ווען ער זיצט אויפן ברעג פון ים. ביי אייך ווייזט ער אויס אזוי בייז. אין דער אמתן איז דאס גארניט קיין בייזער פייגל.

דער אפטייקער איז געווען זייער א קלוגער מאן און הינקערלס ווערטער האבן אים פאראינטערעסירט.

— גוט — האָט ער געזאָגט — נעם דעם פויגל און גיב אים צו אַזאַ פּאָזע, ווי דיר געפעלט.

הינקערל האָט פאָרזיכטיק גענומען דעם אָנגעשטאָפּטן פויגל, האָט אים אַ דריי און אַ בויג געגעבן, און דער פויגל איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער.

דער אַפּטייקער האָט געזאָגט:

— יאָ, דײַן פּאָזע איז אַ נאַטירלעכע. איך זע טאַקע, אַז די קענסט פייגל און פאַרשטייסט זיי. הייב אָן אַרבעטן בײַ מיר. דו וועסט זיך גיך אויסלערנען, דערנאָך וועל איך דיך באַקאַנען מיט די געלערנטע. אפשר וועט נאָך פון דיר אויך אַרויסקומען אַ גרויסער געלערנטער: איך זע, אַז דו ביסט פון נאַטור אַ קינסטלער.

הינקערל האָט ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט פון נאַטור אַ קינסטלער. אָבער ער איז אַ גליקלעכער אַוועק אַהיים און האָט געפּועלט, דער פאָטער זאָל אים אָפּלאָזן זיך לערנען צום אַפּטייקער. דער מוטער האָט זיך זייער געוואָלט, אַז הינקערל זאָל בעסער בלײַבן אין דער היים. אָבער זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס איר זון וועט ניט אַוועקפאָרן אין קיין ווײַטן לאַנד.

אין אַ מאָנאַט אַרום האָט שוין הינקערל אויסגעצייכנט גע- אַרבעט. ער האָט זיך אויסגעלערנט צוצוגרייטן אַ פליסיקייט, וואָס מע באַנוצט, די אָנגעשטאָפּטע פייגל זאָלן ניט פאַרדאַרבן ווערן. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַראָפּצונעמען די הויט און אויסקערן זי ווי אַ הענטשקע. דערבײַ פלעגט ער ניט איבערפירן קיין איין פעדערל. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן פייגלשע סקעלעטן פון דראָט. ער פלעגט אויף זיי אָנציִען די הויט מיט די פעדערן און זיי אַזוי קונציק צוזאַמענניי, אַז איר וואָלט קיין מאָל דעם נאָט ניט געפונען. פון דער מאַסע גלעזערנע אויגן פלעגט ער אַלע מאָל אויסקלײַבן די, וואָס פלעגן זיך בעסער פּאַסן. די פייגל פלעגט ער צוגעבן אַזאַ פּאָזע, אַז זיי פלעגן אויסזען ווי לעבעדיקע.

שוין אין די ערשטע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הינ- קערל איז אַ גרויסער מײַסטער.

דער אַפּטייקער איז געווען אַ קלוגער און זייער אַ גוטער מאַן. ער האָט געוואָלט, אַז הינקערל זאָל אָנהייבן אַרבעטן בײַם

געלערנטן באַראָן, חו ער חעט קענען מער דערגיין. דערפאַר האָט ער אָהעקגעפּירט הינקערלען אין שלאָס.

דער באַראָן האָט ניט געהאָלט נעמען צו דער אַרבעט א יינגל און נאָך דערצו א דאָרפישן, חאָס האָט זיך נאָך גאָרניט געלערנט.

דער אַפּטייקער האָט אים אָבער געחיזן צחיי פייגל, חאָס הינקערל האָט אָנגעשטאָפּט. די אַרבעט איז געחען אַן אויסגעצייכנטע, און הינקערל איז געבליבן אַרבעטן אין שלאָס.

8.

הינקערל וווינט שוין אין שלאָס פון געלערנטן באַראָן אין אַ קליינעם צימערל לעבן סאַמע דאַך. דאָס צימערל איז זייער שיין. הינקערל האָט פריִער פון אַלץ ארויסגעקוקט פון פענצטער. די אומגעגנט איז געווען אַ וווּנדערלעכע. דער שלאָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן בערגל. דורכן פענצטער האָט זיך געזען פון איין זײַט אַ טאָל מיט טײַכן, וואָס אויף זייערע ברעגעס האָבן זיך געצויגן וועלדער און פעלדער; פון דער אַנדערער זײַט—דער ים. הינקערל האָט גלײַך דערקענט דעם געצײַנדלטן שפּיץ פון גרויסן פעלז. אויפן דאַך פון שלאָס איז געווען אַ זע-ראָר, וואָס פון איר האָט מען געקענט זען גאַנץ ווײַט.

הינקערל האָט דורך איר דערזען די דיונעס און די פעלזן, וואָס האָבן זיך געהויבן איבער די כוואַליעס, און זײַן היימיש דערפל מיטן פּאַטערס הויז. דורך די געלע בלעטער פון די עפּלביימער האָט זיך געזען דער שטרויענער דאַך. קוקן אין רער איז געווען פאַר אים אַ גרויסע פרייד. ער קוקט פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ פויגל אין דער לופטן, און זעט אַזוי שאַרף ווי אַ פויגל.

אויף מאָרגן האָט זיך הינקערל באַקענט מיט דער לאַבאָראַטאָריע פון געלערנטן. דאָ זײַנען געלעגן אויף טישן גלעזער, אינסטרומענטן, פאַרשיידענע פליסיקייטן און פּראָשקעלעך, וואָס דער אַפּטייקער האָט צוגעשיקט. דאָס איז אַלץ נייטיק געווען פאַר דער אַרבעט. פון דער לאַבאָראַטאָריע האָט געפירט אַ טיר אין אַ מוזיי, ווו עס זײַנען געשטאַנען אין גלעזערנע שאַפעס קאָלעקציעס פון אַלערליי פייגל, היגע און אויסלענדישע זעלטענע מינים.

הינקערל האָט זייער געוואָלט וויסן זייערע נעמען. דערווײַלע איז אין מוזיי אַרײַן דער באַראָן. ער האָט געוואָלט דערקלערן הינקערלען, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער וועט דאָ טאָן.

הינקערל האָט זיך אײַנגעקוקט אויף די פייגל און האָט פרײַ געזאָגט דעם באַראָן:

— די פייגל זײַנען ניט גוט אויסגעשטעלט. אָט דאָס קליינע פייגעלע מוז מען אַוועקשטעלן לעבן יענעם גרויסן. עס האָט

דעם זעלביקן שנאָבל און די זעלביקע לאַפּעס ווי זיי. עס שפּײַזט זיך אויך מיט דער זעלביקער שפּײַז. דאָס פייגעלע איז פון דער זעלביקער מישפּחה ווי דער גרויסער פויגל.

דער געלערנטער איז געווען זייער צופרידן מיט הינקערלס באַמערקונגען. ער האָט הינקערלען אַ פולע געוויזן, דערציילט און געלערנט. אָבער ער איז געווען אַן אַלטער מאַן און פלעגט גיך מיד ווערן. הינקערל האָט דאָס באַמערקט און ער האָט געזאָגט: „איך מוז זיך פריִער פון אַלץ אויסלערנען לייענען און שרײַבן. דאַן וועל איך אײַך ניט דאַרפן אַזוי פיל באַמיִען. איך וועל זיך אַליין לערנען פון ביכער".

ס'איז געבליבן, אַז דעם באַראָנס קאַמערדינער לאַפּלער וועט לערנען מיט הינקערלען.

לאַפּלײַר איז ניט געווען קיין געדולדיקער לערער. געקענט האָט ער אויך ניט זייער פיל, און הינקערל האָט אין גיכן אַריבערגעיאָגט זײַן לערער. לייענען און שרײַבן אויף זײַן מוטער-שפּראַך — פראַנצויזיש — איז פאַר אים געווען ווייניק. די נעמען פון די פייגל און נאָך פיל אַנדערע זאַכן פלעגט מען שרײַבן אין דער לאַטיינישער שפּראַך. הינקערל האָט זיך געהאַלט אויסלערנען לאַטייניש. צו הילף איז אים געקומען דער גלח, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון פייגל. הינקערל פלעגט אים זונטיק העלפן אָנשטאָפּן פייגל, און דערפאַר פלעגט אים דער גלח לערנען לאַטייניש.

בײדע, דער באַראָן און דער גלח, פלעגן זייער לויבן הינקערלען און אים זאָגן, אַז פון אים וועט נאָך אַ מאָל ווערן אַ גרויסער געלערנטער.

הינקערל האָט זיך ניט געהאַלטן גרויס. ער האָט ניט אויפגעהערט צו חלומען וועגן אַ רײַזע, וועגן נײַע ערטער און נײַע באַאָבאַכטונגען.

ער פלעגט זיך שטענדיק דערמאָנען וועגן הייל און גרויסן פעלז. ער האָט געלעבט באַקוועם און רויִק און שלאָס. אָבער אים האָט אַזוי געצויגן צוריק צום ים, צום אײַנזאַמען לעבן מיט די ווילדע פייגל, וואָס פלעגן פּיקן פון זײַנע הענט. ווו זײַנען זיי איצט אַלע די ווילדע פרײַנד זײַנע, איבערהויפּט די קלײנע פייגעלעך, וואָר זינגען אין דער בײַנאַכטיקער פינצטערניש; די,

נאָך װעלכע ער איז נאָכגעלאָפן, װאָס האָבן אים באַשאָנקען מיט פליגלען פון מוט!

הינקערל האָט שוין ניט געגלויבט אין גײַסטער. אָבער ער האָט געדענקט נאָך יענער פינצטערער שטורמישער נאַכט, װען אים האָט זיך געדוכט, אַז די גײַסטער פליִען אין דער לופטן און רופן אים.

הינקערלען איז שוין געגאַנגען דאָס זעכצנטע יאָר. ער האָט שוין אַזוי פיל געוווּסט פון דער פייגל־װיסנשאַפט—אָרניטאָלאָגיע, אַז זײַנע לערער, דער באַראָן און דער גַלָח, האָבן אים שוין מער ניט געקענט געבן. אים האָט זיך געװאָלט לערנען בײַ אַ גרעסערן לערער װי אַ בוך—בײַ דער נאַטור אַליין. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער אומעט. אַלע האָבן באַמערקט, װי בלאַס ער איז. ער האָט ליב געהאַט דעם באַראָן, איז אים געװען דאַנקבאַר, אָבער אים האָט זיך געװאָלט אַרויסרײַסן אויף דער פרײַ. ער האָט געמאָלדן דעם באַראָן, אַז ער מוז רײַזן, זען די װעלט, נײַע ערטער, נײַע פייגל. ער קען דאָ מער נישט בלײַבן.

דער באַראָן איז געװאָרן אין כּעס אויף אים. האָט אים פאַר־געװאָרפן, אַז ער װייס ניט פון דאַנקבאַרקייט. אים אָנגעבאָטן מער געלט. אָבער הינקערל האָט זיך אָפּגעזאָגט.

דאַן איז דער באַראָן אַרײַן אין נאָך אַ גרעסערן כּעס און ער האָט געזאָגט:

— דו ביסט אַן אומדאַנקבאַר יִינגל. אין מײַן צַװָאָה האָב איך געשריבן, אַז מע זאָל דיר דײַן גאַנצן לעבן צאָלן אַ קליינע פענסיע; אָבער אויב דו פאַרלאָזסט מיך, װעל איך מײַן צַװָאָה איבערשרײַבן און דעם פונקט אויסמעקן.

אויף דעם האָט הינקערל געענטפערט, אַז דער באַראָן מעג בײַטן זײַן צַװָאָה, צונעמען די פענסיע; ער, הינקערל, װעט דעם באַראָן אַלע מאָל ליב האָבן, אים קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אָבער בלײַבן קען ער ניט. ער װעט שטאַרבן פון אומעט. ער װיל בעסער לײַדן הונגער און נויט, נאָר לעבן פרײַ.

דער באַראָן האָט געזען, אַז עס העלפט ניט, האָט ער באַ־צאָלט הינקערלען, װאָס אים האָט געקומט, און נאָך צוגעלייגט אַ גרויסע באַלוינונג.

הינקערל האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין איבעריק געלט. ער האָט געבעטן, דער באַראָן זאָל אים בעסער לײַען זײַן זע־רער און עטלעכע אינסטרומענטן.

דער באַראָן האָט אים מיט פאַרגעניגן דאָס אַלץ געגעבן און געגעבן און גענויט הינקערלען צו נעמען דאָס געלט אויך.

הינקערלען האָט גערירט דעם באַראָנס גוטסקייט. אים האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז ער איז טאַקע אַן אומדאַנקבאַרער. ער האָט זיך געחאַרפּן דעם באַראָן אויפן האַלדז און האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט בלײַבן בײַ אים, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זײַן רײַזע. נאָר ער בעט בײַ אים איין זאַך: זאָל אים דער באַראָן אָפּלאָזן אויף איין וואָך. ער וועט זיך געוויס אומקערן און וועט זיך מיען צוצוגעווינען צום רויִקן לעבן אין שלאָס.

דער באַראָן האָט ארומגענומען הינקערלען און אים מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר באַדאַרפט פאַר זײַן עקסקורסיע.

הינקערל האָט פאַרבראַכט איין טאָג בײַ די עלטערן און אויף מאָרגן אין דער פרי איז ער אַוועק צום גרויסן פעלז.

ס'איז געווען פרילינג. און דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. אים האָט זיך זייער געוואָלט זען, צי די פעלזן זײַנען גאַנץ. ער האָט געהערט פון אַפּטייקער און פון אַנדערע, אַז די כוואַליעס האָבן פאַר דער צײַט געמאַכט גרויסע צעשטערונגען. און אַז גרויסע שטיקער האָבן זיך אָפּגעריסן.

הינקערל האָט אָנגעטאָן שיך מיט גראָבע און שטאַרקע פּאָדעשוועס. אויפן קאָפּ—אַ וואַלענעם קאַפּיושאָן. וואָס פאַרשטעלט גוט פון ווינט. אַ זאַק אויפן פּלייצע. אין זאַק זײַנען געלעגן זײַנע אינסטרומענטן: די זע־רער, עטלעכע ביכער און אַ ביסל שפּײַז.

מיטן ברעג האָט מען ניט געקענט גיין. ער איז געווען פאַרוואָרפן מיט שטיינער. וואָס זײַנען אַראָפּגעפאַלן פון די פעלזן. אַלץ האָט זיך געביטן: דאָרטן, ווו עס האָבן פריִער געבליט בלומען, איז איצט געוויזן אַ געדיכטע בלאָטע. אַנדערשוווּ. פאַרקערט, איז דער באָדן אויסגעטריקנט געוואָרן און האָט זיך באַדעקט מיט פרישן גראָז. אַ פולע וועגעלעך, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלייגט, זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן.

הינקערל האָט זיך זייער געפרייט, וואָס די גוטע פרײַנד זײַנען איצט אַזוי נאָנט פון אים. אָבער ער האָט זיך באַלד איבערצײַגט, אַז זיי דערקענען אים ניט: ער פלעגט שיטן ברעקלעך, אָבער זיי פלעגן וואַכן פון אים; נאָר דאַן, ווען ער פלעגט זיך באַהאַלטן, פלעגן זיי זיך וואַרפן אויף די ברעקלעך און אויספּיקן ביז איינס, פלעגן זיך נאָך רײַסן צווישן זיך איבער אַ ברעקל.

הינקערל האָט געטראַכט, אַז פייגל האָבן גאָר קיין זכּרון ניט, אויב זיי דערקענען אים ניט. אָדער, קען זײַן, זײַנען דאָס אַנדערע פייגל, ניט די, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אויפן פעלז. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, אַז זיי וועלן זיך באַלד צוגעוווינען צו אים און וועלן אים אַרויסווײַזן אַזוי פיל צוטרוי ווי אַ מאָל.

די ערשטע נאַכט, וואָס הינקערל האָט איצט פאַרבראַכט אין דער היל, איז געווען זייער אַ שטורמישע: שוין פאַרן לייגן זיך האָט ער באַמערקט, אַז דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס. זייערע ראַנדן זײַנען געווען פײַערדיקע. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט, און פון די כמאַרעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו גיסן גאַנצע שטראָמען. די בליצן פלעגן אויף אַ מאָמענט באַגיסן מיט זייער פײַערדיקער שײַן די רוישיקע כוואַליעס און די פעלזן, און ס'פלעגט ווידער ווערן פינצטער. הינקערל איז דאָך אײַנגעשלאָפן. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ, אַז הינקערל האָט אויפגעציטערט און איז אַראָפּגעשפרונגען פון זײַן געלעגער. איבער זײַן קאָפּ האָבן זיך דערהערט יאָמערלעכע געשרייען. אין דער זעלביקער רגע האָט ער דערפילט אויף זײַן פּנים און אויף די פלייצעס אַ געפּאָכערײַ פון פליגלען, וואָס הייבן זיך און לאָזן זיך שטיל אַראָפּ אַרום אים. דאָס זײַנען געווען זײַנע געפליגלטע שכנים, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַרן געוויטער. די פייגל האָבן צעבראָכן און פאַרלאָזן אין שרעק זייערע אייער, זײַנען אַראָפּגעפלויגן פון פעלז און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער היל.

הינקערל האָט געהאַט אויף זיי גרויס רחמנות, ער האָט זיי ניט אַרויסגעטריבן. אַנדערע האָבן זיך אפילו אַראָפּגעלאָזן אויף זײַן געלעגער. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אָפּגערוקט און ווידער אײַנגעשלאָפן.

באַגינען האָט הינקערל דערזען, אַז פֿיל פֿייגל האָבן שטאַרק געליטן. בײַ אַ טייל זײַנען געווען אויסגעלונקען די פֿליגלען, בײַ אַנדערע—אויסגעהאַקט די אייגן. עס זײַנען אַפֿילו געווען טויטע און אַזוינע, וואָס האָבן זיך שוין געמאַטערט. אַלע אייער זײַנען געווען צעבראָכן. די פֿייגל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויפֿן פֿעלז אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן באַראַטן. דערנאָך האָבן זיי מיט אַ יאָמער זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן און זײַנען אַוועקגעפֿלויגן. עס זײַנען געבליבן נאָר די, וואָס האָבן שוין פֿליִען ניט געקענט.

הינקערל האָט געזאָרגט פֿאַר די קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע. באַלד האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו אים, פֿלעגן זיך לאָזן אָנרירן, פּיקן פֿון זײַנע הענט. בײַ טאָג פֿלעגן זיי זיך וואַרעמען אויף דער זון און בײַ נאַכט—זיך אומקערן צוריק אין דער הייל.

די געזונטע, וואָס זײַנען אַוועקגעפֿלויגן, האָבן זיך שוין מער ניט אומגעקערט.

אויפֿן ברעג האָט ער אויך געפֿונען קראַנקע פֿייגל, וואָס האָבן געליטן פֿון שטורעם. ער האָט זיי אויך געבראַכט אין דער הייל און אויפֿגעפּאַסט אויף זיי.

ער איז אַוועק אין פֿישערדאָרף אָפּערוויל און דאָרטן אײַנגעקויפֿט שפּײַז פֿאַר זײַנע געפֿעדערטע פֿרײַנד. געזונטע פֿייגל זײַנען אים אויך נאָכגעגאַנגען און געפּיקט פֿון זײַנע ברעקלעך. זיי האָבן זיך אויך צוגעבונדן צו אים. פֿיל פֿון די קראַנקע פֿייגל זײַנען געזונט געוואָרן.

הינקערל האָט געוווּסט ווי זיך צו באַגיין מיט די צעבראָכענע פֿליגלען און פֿיס. אָפֿט מאָל פֿלעגן זיך די פֿייגל קריגן און שלאָגן צווישן זיך, איבערהויפּט ווען די אויסגעהיילטע פֿלעגן זיך אומקערן צו די געזונטע. יענע פֿלעגן זיי ניט וועלן אַרײַננעמען אין זייער קאָמפּאַניע.

הינקערל פֿלעגט מיט אינטערעס באַאָבאַכטן, ווי די פֿייגל לעבן צווישן זיך, וואָסערע געוווינהייטן זיי האָבן.

אַזוי איז אַוועק אַ וואָך, און הינקערל האָט שוין געדאַרפֿט זיך אומקערן אַהיים. ס׳איז אויך אוממעגלעך געוואָרן דאָ לענגער צו בלײַבן, ווײַל דעם פֿעלז האָט שטאַרק אונטערגעשווענקט דער לעצטער גוס-רעגן. אויף זײַן גערטעלע האָט זיך דורך אַ שפּאַלט אַ גאָס געגעבן אַ שטראָם בלאָטע מיט שטיינער. און די שיינע

בלומען זײַנען אומגעקומען. די הײל איז אויך געװען אין גרויס געפאַר.

די לעצטע נאַכט האָט הינקערל שוין גאָר װײניק געשלאָפן. װי זאָל ער אָבער אַװעקגײן און איבערלאָזן די קראַנקע פײגל. װאָס קענען נאָך ניט פליִען?

הינקערל האָט באַשלאָסן זײ מיטצונעמען. ער װעט זײ אַװעקגעבן דעם פּאַסטאָר. ער איז אַן אָמתער נאַטוראַליסט. ער האָט ליב לעבעדיקע פײגל. און דער באַראָן האָט ליב צו זאַמלען קאָלעקציעס פון טויטע אָנגעשטאָפּטע פײגל.

הינקערל האָט אין װעלדל אָנגעשניטן װײכע צװײַגן, אויסגעפלאָכטן פון זײ גרויסע קערב פאַר די פײגל. אָבער זײ זײַנען געװען צו שװער. אַלײן זײ טראָגן װאָלט ער ניט געקענט. האָט ער געדונגען אַן אײזל. אויף אים װעט ער אָנלאָדן די קערב מיט די פײגל.

דעם אײזל האָט ער איבערגעלאָזן נעכטיקן אין זײַן סעדעלע. ניט װײַט פון דער הײל.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער גערעכנט זיך צו לאָזן אין װעג אַרײַן.

10.

די נאַכט איז געווען אַן אומרויִקע, אַ רעגנדיקע. הינקערל איז אויפגעשטאַנען פאַרן זונאויפגאַנג. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע זײַנע פײגל, האָט זײ אָנגעקאָרמעט, אַרײַנגעזעצט זײ אין די קערב, אָנגעלאָדן דעם אײזל און אים לאַנגזאַם אַראָפּגעפירט פון פעלז.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפּפלוס. הינקערל האָט אויסגערעכנט, אַז דאָס בעסטע וועט זײַן צו גײן מיטן ברעג. אָבער דער אײזל האָט זיך דערשראָקן פאַר די רוישנדיקע כוואַליעס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און איז געבליבן שטײן. הינקערל איז געווען זײער געדולדיק. ער האָט אים ניט געשטופּט, ניט געטריבן. ער האָט אים אָנגעהויבן גלעטן און געוואַרט, דער אײזל זאָל זיך אײַנגעוווינען צום גערויש און זאָל אָנהײבן גײן.

דערווײַל האָט ער באַמערקט אויף אײנעם פון די פעלזן, וואָס זײַנען געווען נענטער צום ים, אַ לעבעדיק באַשעפעניש. ס׳איז נאָר געווען פינצטערלעך, און ס׳איז געווען שווער צו אונטערשײדן, וואָס דאָס קען זײַן. הינקערל האָט געמײנט, אַז דאָס איז אַ װעלטענער פויגל, און ער האָט אים געוואָלט זען נענטער. די כוואַליעס זײַנען דערגאַנגען ביז צום פעלז, וווּ דאָס באַשעפעניש איז געווען.

הינקערל האָט לאַנג ניט געטראַכט, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קלײדער, אַרויפגעלײגט זײ אויפן אײזל און זיך געלאָזט שווימען צום פעלז.

די כוואַליעס האָבן אים אַזוי געוואָרפן, אַז ער האָט זיך געמוזט אַלע ווײַלע אָנכאַפּן פאַר שטײנער, וואָס זײַנען געווען אונטערן וואַסער לעבן ברעג.

הינקערל איז צוגעשווומען גאָר נאָנט און האָט דערזען, אַז דאָס איז געווען אַ מענטש. אָבער ווער קען דאָס זײַן? ווער האָט אַזאַ גוואַלדיק גרויסן קאָפּ? אַזוינע לאַנגע הענט און פיס? דאָס איז דאָך ניט קײן אַנדערער ווי דער הויקערדיקער שנײַדער. ס׳איז קענטיק פון ווײַטן, אַז ער איז אין גרויס שרעק און געפאַר. קענטיק, אַז ער וויל זיך וואַרפן אין וואַסער, ווײַל ער קען זיך שוין מער ניט האַלטן אויפן פעלז.

הינקערל שרײַט צו אים, ער זאָל וואַרטן, אָבער יענער הערט אים ניט צוליב די רוישיקע כוואַליעס און קײַקלט זיך אַראָפּ אין וואַסער.

הינקערל איז שוין אויף אַ צווייטן שטיין. וואָס זאָל ער טאָן? זיך וואַרפן אין וואַסער צום שנײַדער? אָבער יענער וועט זיך אין טויטלעכער שרעק אָנכאַפּן אָן הינקערלען, און זיי וועלן בײדע אַראָפּ צום גרונט. וואָס טוט מען דאָ? לאָזן אים שטאַרבן און ניט אויסציִען קײן האַנט אים צו ראַטעווען?.. אָבער ער וועט אים ניט קענען ראַטעווען און אַלײן אויך דערטרונקען ווערן...

די אַלע געדאַנקען האָבן זיך ווי אַ וויכער פאַרבײַגעטראָגן אין זײַן קאָפּ. געדויערט האָט עס אַ רָגע. אָבער הינקערלען איז אויסגעקומען, אַז דאָס ציט זיך אָן אײביקייט. מיט אַמאָל האָט הינקערל דערהערט אין דער הייך צאַרטע שטילע שטימען, וואָס האָבן גערופן צו אים:

„לאָז פונאַנדער דײַנע פליגלען. לאָז פונאַנדער, מיר זײַען מיט דיר!"

און הינקערל האָט דערשפּירט, ווי עס לאָזן זיך פונאַנדער זײַנע פליגלען, לאַנגע און מעכטיקע, ווי בײַ אַ יַם-אָדלער, און ער איז אַרײַנגעשפּרונגען אין די שוימיקע כוואַליעס. ער געדענקט אַלײן ניט, ווי ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שנײַדער, ווי יענער האָט זיך געראַנגלט מיט אים, ווײַל בעת אַ מענטש טרינקט זיך, שלעפּט ער נאָך זיך צום גרונט דעם, וואָס ציט אים אויס אַ האַנט.

הינקערל האָט אים ניט אָפּגעלאָזן און זיך ניט געלאָזט אַראָפּציִען צום גרונט. ער איז געשוווּמען האַלטנדיק דעם אומגליקלעכן שנײַדער. די כוואַליעס האָבן אים געטראָגן צום אָפענעם יַם, אָבער ער האָט זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג צוגעצויגן צו אַ פעלז און האָט אַהין אַרויסגעשלעפּט דעם הויקער, וואָס איז איצט געלעגן אויף דעו״ ערד אָן באַוווּסטזײַן.

הינקערלען האָט זיך אָפּגעוואַכט, אַז דאָס איז אַ חָלום. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער געגלויבט, אַז די גוטע גײַסטער האָבן אים געהאָלפן אין זײַן מוטיקער טאַט.

— איך דאַנק אײַך, מײַנע טײַערע גײַסטער! — האָט ער אויסגעשריִען.

עד האָט איבערגעקערט דעם שנײַדער מיטן פּנים צו דער ערד, דאָס וואַסער זאָל זיך אַרויסגיסן פון זײַן מויל, פון די אויערן און פון דער נאָז. דערנאָך האָט ער אים אָנגעהויבן רײַבן.

„צי אויף לינקס" איז געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבן שרײַען, ווי אָן זיך. אין שרעק האָט ער זיך געוואָלט ווידער וואַרפן אין וואַסער און צושווימען צום ברעג. אָבער הינקערל האָט אים אַ גוטן קלאַפּ געגעבן און אָנגעשריִען אויף אים. דאַן האָט ער זיך אָפּגעטשוכעט.

— האָט ניט קיין מורא פאַר מיר — האָט הינקערל צו אים גערעדט — איך האָב דאָך אײַך געראַטעוועט. וואַרט אויף אַ ווײַלע. עס וועט זיך אָנהייבן דער אָפּפלוס, וועלן מיר מיט דער טרו־קענער ערד צוגיין צום ברעג. איך האָב אײַך קוים דערוואַרעמט, אָבער אַז איר וועט זיך איצט אָפּטונקען אין קאַלטן וואַסער, וועט איר שטאַרבן.

„צי־אויף־לינקס" האָט געפאָלגט. הינקערל האָט אים געגעבן אַ שטיקל ברויט און געמאַכט פאַר אים אַ פײַער פון טרוקענעם גראָז, ער זאָל זיך דערוואַרעמען.

אַ דערוואַרעמטער און דערקוויקטער האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען.

פון דעם טאָג אָן, וואָס ער האָט דערזען אויף הינקערלס היטל די דרײַ טײַערע פעדערן, האָט ער זיך ניט געקענט באַ־רויִקן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז הינקערל האָט זיי געפונען אויף די געפערלעכע שפּיצן, און ער האָט באַשלאָסן זיך אַהין צו פאַרקלײַבן און געפינען די פייגל מיט די טײַערע פעדערן. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט אים ניט געקלעקט קיין מוט. ער האָט ניט געוואַגט צו קריכן אויפן שפּיץ און האָט זיך אומגע־קערט. דערווײַלע האָט זיך אָנגעהויבן דער צופלוס. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ צווייטן פעלז כּדי זיך צו ראַטעווען פון וואַסער. אָבער פון דאָרטן איז ער אַראָפּגעפאַלן און וואָס ווײַטער איז געווען, ווייס דאָך הינקערל.

פון זײַנע רייד איז קענטיק געווען, אַז ער גלייבט אויף אָן אמת, אַז הינקערל קען זיך מיטן טײַוול, און דער טײַוול אַליין האָט אים געהאָלפן געפינען די פעדערן.

דערװײַלע איז אױפֿגעגאַנגען די זון. עס האָט זיך אָנגעהױבן דער אָפּפֿלוס און מע האָט געקענט גײן.

הינקערל האָט געװאָלט װאָס גיכער זיך באַפֿרײַען פֿון שנײַדער. ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר זילבערנע מטבעס און געזאָגט צו אים:

— איצט קענט איר רויִק גײן, פֿון װאַנען איר זײַט געקומען. קײן געפֿאַר איז מער ניטאָ. גײט זיך אײַך געזונטערהײט.

דער שנײַדער איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן פֿון אים. ער האָט געװאָלט אַרױסקריגן, װוּ די פֿײגל באַהאַלטן זיך בײַ טאָג.

אַז זײ פֿליִען אַרום בײַ נאַכט האָט ער געװוּסט.

הינקערל האָט אים געענטפֿערט:

— דאָס װעל איך אײַך קײן מאָל ניט אױסזאָגן. איך װײס, אַז איר װעט צוהרגענען די פֿײגל צוליב זײערע פֿעדערן, און איך װיל ניט, מע זאָל זײ טױטן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ װי פֿון אַ שטאַרקן דונער. ס'איז אָבער ניט געװען קײן דונער: דאָס איז אײַנגעפֿאַלן דער פֿעלז מיט הינקערלס הײל.

דער שנײַדער איז אין גרױס שרעק אַװעקגעלאָפֿן פֿון ייִנגל.

הינקערל איז נאָך לאַנג געשטאַנען און געקוקט מיט טרױער אױף דעם אָרט פֿון דער צעשטערונג. דער פֿעלז און די הײל זײַנען אים געװען זײער טײַער. ער האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט אַזױנע גליקלעכע טעג. ער האָט אָבער געמוזט גײן אַהײם.

דאָס איז געװען דער לעצטער טאָג פֿון זײַן אורלױב.

אונטערװעגנס האָט ער אָנגעקליבן זעלטענע געװיקסן. דאָס איז געװען אַ מתּנה פֿאַר דעם אַפּטײקער.

צום פּאַסטאָר איז ער געקומען בײַ נאַכט. ער האָט געװאָלט, אַז קײנער זאָל ניט זען זײַנע פֿײגל. דער פּאַסטאָר האָט זיך זײער דערפֿרײט מיט דער טײַערער מתּנה.

הינקערל האָט געװוּסט, אַז ער גיט איבער זײַנע געפֿליגלטע פֿרײַנד אין גוטע הענט. דער פּאַסטאָר װעט זאָרגן װעגן זײ װי אַ פֿאָטער.

הינקערל האָט מער נישט אָנגעבעטן דעם פּאַסטאָר, ער זאָל ניט דערצײלן דעם באַראָן, פֿון װאַנען ער האָט די פֿײגל. אױב

ער חעט זיך דערוויסן, אז הינקערל האָט זיי געבּראַכט, וועט ער פאַרלאַנגען, אז מע זאָל זיי צוהרגענען און אָנשטאָפּן פאַר זײַן מוזיי.

דער פּאַסטאָר האָט אים צוגעזאָגט קיין מאָל דעם באַראָן ניט אויסצוזאָגן דעם סוד.

בײַ נאַכט האָט זיך הינקערל א טרויעריקער אומגעקערט צוריק אין שלאָס.

11.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט שוין הינקערל ווידער געאַרבעט בײַם באַראָן. זײַן פּנים איז געווען אַ פֿרײַלעכער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויסגעהײלט פֿון זײַן אומעט. אָבער אין צווײ טעג אַרום איז ער שוין ווידער געווען בלײך און אומעטיק.

דער באַראָן האָט אים געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

אויף דעם האָט אים הינקערל געענטפֿערט:

— איך פֿיל, אַז איך מוז אַוועקפֿאָרן. איך קען דאָ מער ניט לעבן; איך האָב געמײנט, אַז די פֿרישע לופֿט און דער שפּאַציר וועלן מיך אויסהײלן, אָבער דאָס איז געווען אַ טעות. מיך אויסצוהײלן דאַרף געווערן ניט קײן וואָך, נאָר אַ סך מער צײַט. אפֿשר אַ יאָר אָדער אַפֿילו מער. ווײַל, ווײס איך אַלײן ניט. נעמט צו פֿון מיר אַלץ, וואָס איר גיט מיר. איך בין דאָס נישט ווערט. אָבער בײזערט זיך ניט אויף מיר. איך וועל שטאַרבן פֿון אומעט. דאַן וועל איך שוין די פֿרײַהײט ניט דאַרפֿן.

דער באַראָן איז געווען אַ גוטער מענטש. ער האָט שוין מער ניט געהאַלט שטערן הינקערלען. אָבער אײדער ער לאָזט זיך אין געפֿערלעכע וועגן, בעט אים דער באַראָן, ער זאָל עפֿענען זײַן האַרץ. דער באַראָן האָט אַלץ ניט געקענט פֿאַרשטײן, פֿאַר וואָס הינקערל וויל אַוועקפֿאָרן און לעבן נאָר אַלײן.

— גוט, — האָט הינקערל געזאָגט — איך וועל אײַך אַלץ דערצײלן. איך האָב אָבער מורא, אַז איר וועט מיך האַלטן פֿאַר אַ משוגענעם אָדער פֿאַר אַן אידיאָט. איך האָב ליב פֿײגל, אָבער ניט קײן טויטע, נאָר לעבעדיקע, און איך וויל לעבן מיט זײ. איך האָב אויך ליב פֿײגל, אויף בילדער, ווײַל אַ מאָלער קען אין זײַן בילד פֿאַרשטעלן זײ ווי זײ לעבן. מיר דאַכט, אַז איך וואָלט אויך געקאָנט אָנמאָלן פֿײגל, זײ זאָלן אויסזען ווי לעבעדיקע. אָבער אָנשטאָפּן פֿײגל — פֿון אָט דער אַרבעט עקלט מיך. אײביק לעבן צווישן טויטע, אויפֿשנײַדן זײער טויטן גוף און אָנשטאָפּן אים — דאָס קען איך ניט!.. גאָר אָפֿט דוכט זיך מיר, אַז איך בין אַלײן אַ טויטער. ווען איך גײ פֿאַרבײ די גלעזערנע

שאַפעס, װוּ עס שטייען די אָנגעשטאָפּטע פייגל, דוכט זיך מיר, אַז זיי קלאַפּן מיט די שנאָבלען אין גלאָז און פאָדערן: איך זאָל זיי אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ. אֱמֶת, ניט איך האָב זיי צוגעהרגעט. נאָר איין מאָל אין לעבן האָב איך צוגעהרגעט אַ פויגל. איך בין דאַן געװען הונגעריק. אָבער ביז איצט קען איך זיך ניט באַרויִקן, װאָס איך האָב דאָס געטאָן. מײַן געװיסן מאַטערט מיך. אֱמֶת, איך הַרגע אַליין ניט קיין פייגל, אָבער איך לעב דאָך פון דעם, װאָס איך שטאָפּ זיי אָן, װען אַנדערע הַרגענען זיי. דאָס קען איך-זיך ניט מוחל זײַן. און ס'איז דאָ נאָך עפּעס, װאָס איך װאָג ניט אײַך צו זאָגן.

– װאָס נאָך? – האָט געפרעגט דער באַראָן, – באַהאַלט קיין זאַך ניט פון מיר, דײַן בעסטן פרײַנד.

–אויב אַזוי, הערט מיך אויס – האָט הינקערל געזאָגט – מע זאָגט, אַז פייגל רײדן זיך צונויף צװישן זיך דורך געשרייען און געזאַנג. קיינער פאַרשטייט ניט זייער שפּראַך. עס זײַנען אָבער פאַראַן פייגל, װאָס איך פאַרשטיי זייער שפּראַך. זיי זאָגן מיר אונטער, װאָס איך זאָל טאָן, װען איך פאַרליר זיך. אָדער װען איך שרעק זיך פאַר עפּעס. זיי װעקן אין מיר מוט. אַ דאַנק זיי לאָזן זיך בײַ מיר פונאַנדער פליגלען און איך װײס ניט פון שרעק. אַזוי איז שוין געװען מיט מיר עטלעכע מאָל אין מײַן לעבן... אָבער דאָ הער איך ניט די שטימען, װאָס מאַכן מיך שטאַרק און מוטיק. איך מוז װידער זײַן אויף דער פרײַער נאַטור, רײַזן, זען די װעלט און איר נאַטור. איך װעל זיך געװיס אומקערן צו אײַך, איך װעל אײַך דערציילן, װאָס איך האָב זיך דערװוּסט אין דער נאַטור. שוין אַ פּאָר מאָל האָבן מיר די זעלביקע שטימען אָנגעװיזן דעם װעג צו מײַן פאָטערס הויז. אַזוי װעלן זיי מיך ברענגען אויך צו אײַך. אָבער נאָר דאַן, װען איך װעל װערן אַן אֱמֶתער געלערנטער.

דער באַראָן האָט געגעבן הינקערלען געלט אויפן װעג. און הינקערל איז מיט אַ גרויסער שיף אַװעקגעפאָרן קײַן ענגלאַנד. פון דאָרטן איז ער געפאָרן קיין שאָטלאַנד, קיין אירלאַנד און אויף די דערבײַיקע אינדזלען.

ער איז געװען פרײַ און האָט זיך געפילט גליקלעך.

געלעבט האָט ער אין גאַנץ װילדע אײנזאַמע ערטער.

ער האָט זיך דערוווּסט זייער פּיל, און אַלץ אַליין, אָן קיינעמס הילף.

אין אַ יאָר אַרום האָט ער זיך אומגעקערט צום באַראָן. הינקערל האָט בײַ אים פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן. דערנאָך איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן. ער איז אויסגעווען אין דער שווייץ, אין דײַטשלאַנד, אפילו אין פוילן. דערנאָך איז ער אויסגעפאָרן דעם גאַנצן צפון פון רוסלאַנד און אַ טייל פון אַזיע. ער פלעגט קיין מאָל ניט צוהרגענען קיין פויגל. אָבער טויטע פייגל פלעגט ער קויפן בײַ יעגער, פלעגט זיי אָנשטאָפּן און זיי שיקן צום באַראָן.

אויף אַזאַן אופן איז דעם באַראָנס זאַמלונג פון פייגל גע־וואָרן די רײַכסטע אין פראַנקרײַך.

אָבער נאָך וויכטיקער זײַנען געווען די באַאָבאַכטונגען, וואָס הינקערל האָט געמאַכט. ער האָט אַרײַנגעבראַכט זייער פּיל נײַס אין דער פייגל־וויסנשאַפט; ער האָט אויפגעקלערט זייער פּיל דערשײַנונגען פון דעם פייגל־לעבן.

דער באַראָן האָט פאַרשריבן אַלע אַנטדעקונגען, וואָס הינ־קערל האָט געמאַכט, און האָט אַרויסגעגעבן זייער אַ וויכטיק וויסנשאַפטלעך בוך, וווּ דאָס אַלץ איז געווען באַשריבן. ער האָט אָבער פאַרגעסן אָנצושרײַבן אויפן בוך, ווער דער אמתער שרײַבער איז געווען, און דערפאַר האָט מען לאַנג געמיינט, אַז דער באַראָן אַליין האָט געמאַכט די אַלע וויכטיקע וויסנשאַפט־לעכע אַנטדעקונגען.

הינקערל האָט ניט געזוכט קיין כּבֿוד. און אים האָט דאָס ניט געאַרט. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער רײַזט און וואָס זײַנע אַנטדעקונגען מאַכן רײַכער די וויסנשאַפט.

דער באַראָן האָט אָפּגעדאַנקט הינקערלען: פאַרן טויט האָט ער אים איבערגעלאָזן זײַן גאַנצן פאַרמעגן.

דעם באַראָנס פּלימעניקעס האָט דאָס פאַרדראָסן, און זיי האָבן פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן הינקערלען.

הינקערל האָט ניט ליב געהאַט זיך צו מישפּטן און ער איז דורכגעקומען מיט זיי מיט גוטן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם גרעסטן חלק און האָט איבערגעלאָזן פאַר זיך נאָר דעם שלאָס מיטן מוזיי און אַ קליין שטיקל ערד. ער זאָל קענען באַשיידן לעבן און רײַזן אָן גרויסע באַקוועמלעכקייטן.

הינקערל האָט באַזעצט אין שלאָס זײַן פאַמיליע און דעם גוטן פעטערס פאַמיליע.

אַליין פלעגט ער שטענדיק ארומפאָרן.

אַ מאָל פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע יאָר.

דאָס פלעגט ער זיך פאַרקלײַבן אין אַזױנע װילדע ערטער, פון װאַנען עס פלעגן ניט גײן קײן בריוו.

הינקערל איז געווען זײער באַשײדן, געדולדיק און גוט צו אַלעמען. ער פלעגט אַװעקגעבן מער, װי זײַנע מיטלען פלעגן דאָס דערלאָזן.

געלערנטע נאַטוראַליסטן, װאָס האָבן זיך באַגעגנט מיט אים אויף װיסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס, האָבן דערציילט, אַז ער איז געװען זײער גרויסהאַרציק און מוטיק.

אַליין פלעגט ער קײן מאָל װעגן זיך ניט דערציילן קײן אײן װאָרט.

יאָרן זײַנען אַװעק. הינקערל איז אַלט געװאָרן.

אײן מאָל האָט ער פאַרבראַכט אַ זומער אין קאַלטן לאַפּלאַנד. ער האָט דאָ געפאָרשט דאָס לעבן פון די פייגל, װאָס הײסן אַמזענטלעך אָדער גאַגאַרעס. דאָ האָט ער זיך שטאַרק פאַרקילט און האָט שוין ניט געקענט ארומפאָרן. פון דעם איז אויף אים װידער אָנגעפאַלן אַ גרויסער אומעט. און ער האָט װידער אָנגעהויבן הינקען.

די לעצטע טעג פון זײַן לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט מאָלערײַ. זײַנע בילדער האָט מען געשאַצט זײער הויך.

ער האָט געפילט אַז ס'איז אים געבליבן ניט פיל צו לעבן. און ער האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצושענקען זײַנע זאַמלונגען. ער האָט זײ צעשיקט אין מוזײען און צו געלערנטע. דערבײַ פלעגט ער אַלע מאָל צושרײַבן זײער װיכטיקע באַמערקונגען װעגן די פייגל און קײן מאָל ניט אונטערשרײַבן זײַן נאָמען. ער האָט ניט געװאָלט, מע זאָל רײדן װעגן אים. און דאָך האָבן אים אַלע געקענט און געליבט. עס זײַנען אפילו געװען פרײַנד, װאָס זײַנען גרײט געװען אַװעקצוגעבן זײער לעבן פאַר אים.

דערפילנדיק, אַז דער טויט איז נאָענט, האָט ער געװאָלט זיך נאָך אַ מאָל אײַנקוקן אויפן גרויסן פעלז. זײַנע געטרײַע פרײַנד, דער אַפּטײקער און דער פּאַסטאָר, זײַנען געװען אַ סך

עלטער פון אים, אָבער נאָך שטאַרק און בײַ מוט. זײ האָבן אים זײער געוואָלט באַגלײטן.

הינקערל האָט זײ באַדאַנקט און געבעטן, מע זאָל אים לאָזן גײן אַלײן. זײ האָבן אים ניט געוואָלט שטערן און זײַנען ניט מיטגעגאַנגען. ער האָט געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט ניט אַוועקגײן צו ווײַט מיטן ברעג פון ים.

ס'איז נאַכט געוואָרן. הינקערל האָט זיך ניט אומגעקערט. זײַנע ברידער, פּלימעניקעס און געטרײַע פרײַנד זײַנען געוואָרן אומרויִק. זײ זײַנען אים געגאַנגען זוכן מיט פאַקעלן. אָבער אומזיסט האָבן זײ אים געזוכט אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען אים ווידער געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט בײַ אַלעמען.

אויף די דיונעס האָט געהערשט אַ שטילקײט, און דער ים האָט ניט אַרויסגעוואָרפן קײן טויטן קערפער.

אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט געפאַנגען ראַקעס אויפן ברעג, האָט דערציילט, אַז זי האָט געזען אַ וואונדערלעך-גרויסן ים-פויגל, וואָס אַזאַ האָט זי נאָך קײן מאָל ניט געזען. ער איז פאַרבײַ-געפלויגן גאָר נידעריק, האָט שיִער ניט אָנגערירט איר קאָפּ און דערבײַ געשריגן מיטן קול פון דעם גוטן הערן, דעם געלערנטן:

— זײַט געזונט, גוטע מענטשן, טרויערט נישט איבער מיר. איך האָב ווידער פונאַנדערגעלאָזן מײַנע פליגלען!

וויכטיקע נײַעס אין דער יידישער קינדער-ליטעראַטור

אין פֿאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“, רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי, זײַנען דערשינען פֿאָלגנדיקע באַרימטע ביכער פֿאַר קינדער:

1. **מיני און מאָני—דער עסקימאָסישער צווילינג** (אילוסטרירט)
2. **די קלײנע האָלענדער**
3. **די געוואַגטע – קינדער פֿון דער שטײנצײַט**

אַלע דרײַ ביכער—פֿון דער באַרימטער ענגלישער קינדער־שרײַבערין **לױסי פיטש־פערקינס**, איבערגעזעצט פֿון **העלענע כאַצקעלס.**

4. **די זילבערנע גליטשערס**
לויט סטאַל, ייִדיש – העלענע כאַצקעלס.

אין גיכן דערשײַנען אין דער איבערזעצונג (פֿון אָריגינ.) פֿון **העלענע כאַצקעלס** פֿאָלגנדיקע ביכער פֿאַר קינדער:

5. **אָן אַ היים**—שפּאַנענדיקע דערציילונג פֿון העקטאָר מאַלאָ.
6. **די פֿליגלען פֿון מוט** — פֿון דזשאָרזש זאַנד.
7. **וואָס מיט אַ קלײנעם ייִנגל האָט פּאַסירט** — אוידאַ.
8. **דער קלײנער לאָרד** — פֿון פ. בערנעט.
9. **קעק—דער קלײנער עסקימאָס**-פֿון וו. אירווין און וו. סטיפֿענסאָן.
10. **די קלײנע שווייצערס (לענעלי און סעפּפּי)**
פֿון לױסי פּיטש־פּערקינס.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:
S. Bastomski. Wilno. Stefańska 24.